STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01845

# DEFEKTIVE KINDER IN DER YIDISHER LITERATUR

Israel Rubin Rivkai

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTREAL
יידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה היהודית העממית

י. רובין

# דעפעקטיווע קינדער
## אין דער
# יידישער ליטעראטור

פ אַ ר ל אַ ג
פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין
אין ווילנע.

**זעצעריי פון דער יידישער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע**
דרוקעריי ב. ציונסאָן און קאָמפּ., ווילנע טראָקער 13.

# פאַרוואָרט.

די פּאָלגנדיקע ווערק פון י. רובין, וואָס שטעלט זיך אַלס צוועק דעם אַנאַליז פון קינדער-טיפּן אין דער יידישער ליטעראַטור אין דער ליכט פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, איז, אָן ספק, אַ ערנסטער און וויכטיקער פּרוב, וואָס דאַרף אויפריכטיק באַגריסט ווערן.

ס׳איז בכלל פאַראַן וויניק צו פאַרצייכענען, אפילו ביי די העכער שטייענדיקע אייראָפּעאישע פעלקער, אַרבעטן, וועלכע זאָלן זיך פאַרנעמען מיטן ספּעציעלן אַנאַליז פון קינדער-טיפּן אין דער ליטעראַטור.

און וואָס ס׳איז נוגע אַזאַ אַנאַליז דירעקט פון פּסיכאָפּאַטאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט פון דעפיקטיוויטעט, זיינען, ווי ס׳איז מיר באַקאַנט, קיינע פּרובן לחלוטין ערגיץ ניט געמאַכט געוואָרן.

און דאָס איז געוויס אַ באַדויערונגסווערטער פאַקט, ווייל אַזעלכע אַנאַליזן שטעלן מיט זיך פאָר אַ גרויסן אינטערעס ניט נאָר אין אייגנטלעך-קינסטלערישן, נאָר אויך — און דאָס איז ניט ווייניקער וויכטיק — אין ספּעציעל-פּסיכאָלאָגישן און פּעדאַגאָגישן זין.

מ׳דאַרף דאָך אנערקענען, אַז ווי ווייט ס׳איז ניט אַוועק פאָראויס די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע, אַלס וויסנשאַפט, ווי פאַרצווייגט, גענוי און אפילו אויסגעפּרובט ס׳זיינען ניט אירע מעטאָדן און אויספירן, קאָן זי דאָך ניט פּרעטענדירן אַלעמאָל און אין אַלע פאַלן אויף אַן אַקסיאָמאַטישער זעלבספאַרשטענדלעכקייט, נייטיקט זי זיך דאָך אין הילפס-קוואַלן, פון וועלכע ס׳זאָלן געשעפּט ווערן די מעגלעכקייטן פאַר אַן אַלזייטיקער מענטשלעכער כאַראַקטעריסטיק, פאַר אַ פּינקטלעכן און אויסגעהאַלטענעם פּסיכאָלאָגישן דיאַגנאָז.

און אַלס וויכטיקסטער פון אַזעלכע הילפס-קוואַלן דאַרף גערעכנט ווערן די ליטעראַטור, וואו די אינטואיציע פון דעם קינסטלער האָט בכוח ניט נאָר צו דערגאַנצן און צו ממלא זיין דאָס שוין געגעבענע פון דער וויסנשאַפט, נאָר קאָן אויך אַנטפּלעקן און אַנטדעקן אַזעלכע איידעלע, קוים באַמערקבאַרע כאַראַקטער-ניאַנסן פון געשילדערטן טיפּ, וואָס די וויסנשאַפט, ביי איר איצטיקן צושטאַנד, וואָלט ניט געווען ביכולת צו ברענגען צו דער נייטיקער אַנטפּלעקונג.

און אויף אַזאַ אופן געפינט זיך דער ליטעראַרישער אַנאַליז אין אַ גאַנץ באַשטימטער קעגנזייטיקער באַציאונג מיט דעם ריין־וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז.

ביז איצט פאַרמאָגן מיר נאָך ניט קיין פּינקטלעכע און אויסשעפּנדיקע באַשטימונגען פאַר די באַגריפן: „דעפעקטיוויטעט„, אָפּגעשטאַנענקייט“ א. אַ.

דעם פּסיכאָלאָגישן מהות פון די דאָזיקע באַגריפן און פּראָצעסן קאָן מען פאַרשיינאַרטיק פאַרשטיין.

ס׳דאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז ביי אַ גרעסערן פאַרנעם פון דער טעמע, ווי אין י. רובינס פאָלגנדיקער ווערק, איז פול־שטענדיק באַרעכטיקט דאָס באַנוצן דעם באַגריף „דעפעקטיוויטעט“ אין אַ ברייטערן זין, צו פאַרשפּרייטן דעם באַגריף ניט נאָר אויף געבוירענע, נאָר אויף געוואָרענע אַנאָמאַליען. (סיי אין פּסיכאָלאָגישן, סיי אין פּאַטאָלאָגישן זין).

די סביבה האָט, זיכער, איר ראָל אין הינזיכט סיי פון נאָרמאַליזירן און סיי פון דענאָרמאַליזירן דאָס קינד. די סביבה, אַלס אָביעקט פון דערציאונג האָט איר אומפאַרמיידלעכע השפּעה אויף דעם סוביעקט פון דער דערציאונג.

די קינדער פּסיכאָלאָגיע ווייס צו פאַרצייכענען פיל פאַלן, ווען די אָדער יענע פּסיכישע אַנאָמאַליען און אָפּנייגונגען ווערן פאַראורזאַכט פון דער נעגאַטיווער ווירקונג, וואָס ס׳האָבן די ספּעציפישע סאָציאַלע באַדינגונגען אויף דער דערציאונג, גאַנץ אָפט דערגרייכט די נעגאַטיווע ווירקונג פון דער סביבה צו אַזאַ מדרגה, אַז דאָס קינד ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ „לא מעלמא־הדין“־מענטש, אין אַ קריפּל, וואָס איז ניט פעאיק צום פאָרשטייענדיקן לעבן און צו אַ שאַפעריש־אַקטיוון אָנטייל אין דעמדאָזיקן לעבן.

די דערמאָנטע נעגאַטיווע ווירקונג קאָן זיך אויסדריקן אין פאַרשיידענע אופנים.

אַמאָל נעמט זיך די דעפעקטיוויזירנדיקע השפּעה פון דער סביבה פון דעם לחלוטינדיקן פעלן פון אַ דערציערישער האַנט (אויפזיכטסלאָזע קינדער־טיפּן פון דער קעלער־סביבה, פון די אָנגעוויזענע אויף צדקה: פּרצ׳ס „טאַניאַק“ א. אַ.) און אַמאָל נעמט

זיך די דעפּעקטיוויזירנדיקע השפּעה, פּונקט פאַרקערט, פון דעם, וואָס ס׳איז דווקא פאַראַן אַ דערציערישע האַנט, נאָר אַ האַנט, וואָס באַגרעניצט, וואָס ענגט און שטערט דעם פרייען אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער פּסיכיק.

דאָס איז יענע „דערציאונג״, וואָס שטעלט זיך אַלס צוועק אַריינצופירן און אַיינצוקלאַמערן דאָס קינד אויסשליסלעך אין דער וועלט פון מיסטישן, אין דער וועלט פון טרוימען און אַבערגלויבונגען און פון פאַנטאַזיע אין אַזאַ איבעראַנטוויקלטער, האַמעירישער מאָס, ביי וועלכער ס׳פאַרלירט זיך דער גרעניץ צווישן רעאַלן און געשפּענסטן, צווישן ווירקלעכן און געטרוימטן. די פיזישע זייט פון לעבן ווערט איגנאָנצן אַנולירט אָדער דערפירט צו אַ מינימאַלער מאָס, און דורכדעם גופא ווערט פאַרניכטעט איינער פון די הויפּט־סטימולן אין דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון קינד; די אַנטפּלעקונג פון די פיזישע זייטן ביי דעם קינד (שפּילן, באַוועגונג) זיינען דאָך די בעסטע מיטלען פאַר זיין אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג.

די וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען, די פּסיכאָלאָגישע באַאָבאַכטונגען לויט אַ באַשטימטער סכעמע, ווי ס׳ווייזט אָן די גאַנצע מעדיצינישע און פּסיכאָלאָגישע ליטעראַטור, ביי די ניט גענינגנדיקע מעטאָדן, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפט פאַרמאָגט, זיינען אָבער, ווי געזאָגט, ניט בכוח שטענדיק פונאַנדערצוּעפענען דעם אינערלעכן מהות פון דער דעפּעקטיוויטעט.

די וויסנשאַפט קאָן גיכער קאָנסטאַטירן דעם פאַקט פון דעפּעקטיוויטעט, ווי צו פאַרצייכענען די סטאַדיען פון איר בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג, און נאָך ווייניקער איז די וויסנשאַפט בכוח צו געבן אַ גענויען און דעטאַליזירטן אַנאַליז פון די סיבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן און געבראַכט די דעפּעקטיוויטעט.

און דאָס, וואָס ס׳פעלט דעם וויסנשאַפטס מאַן, קאָן אָפט געבן דעם קינסטלער, וואָס ס׳פעלט אין דער וויסנשאַפט, קאָן ממלא זיין די ליטעראַטור.

דער קינסטלער קאָן מיט דער הילף פון זיין אינטואיטיווער קראַפט, באַלויכטן אַלע ווינקעלעך פון קינדס נשמה, אַלע זיג־

זאַגן פון דער אַנטוויקלונג, פון דעם דויערנדיקן פּראָצעס, וואָס איז ניט צוטריטלעך פאַר אַ געוויינלעכן, אפילו באַוואָפנטן מיט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, אויג.

דער קינסטלער קאָן צונויפבינדן די סיבה מיט דעם פועל־יוצא, די ווירקונג מיט דעם רעזולטאַט פון דער ווירקונג.

ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס די גרויסע קינסטלער רוסאָ, טאָלסטאָ א. אַ. זיינען געוואָרן די רעאָרגאַניזאַטאָרן פון דער בילדונגס און דערציאונגס־סיסטעם, ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס דידאַזיקע שאַפער פון גרויסע קינסטלערישע ווערטן זיינען גלייכצייטיק געוואָרן די שאַפער פון גרויסע פעדאַגאָגישע ווערטן.

דער אמתער קינסטלער איז מער, ווי אַנדערע, באַרופן צו ווערן דער אמתער פעדאַגאָג, דער דערציער פון דער מענטשהייט איז מער, ווי אַנדערע, באַרופן צו ווערן דער דערציער פון דעם קינד.

און ס׳איז דעריבער קלאָר, אַז איינער פון די וויכטיקסטע הילפס־מיטלען פאַר דעם פּסיכאָלאָג קאָן און דאַרף זיין די ליטעראַטור. מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט דאַרפן מיר פאָרשן די קינדער־טיפּן אין דער ליטעראַטור.

אין דעם זין איז די אַרבעט פון י. רובין אַ אינטערעסאַנטער און וויכטיקער פּרוב.

ס׳ווערט דאָ פאַר אונזערע אויגן דורכגעפירט אַ קאָשמאַרע בילד פון דער דעפעקטיווירנדיקער יידישער סביבה איןביידע, אויבנאָנגעוויזענע אופנים: וואו ס׳פעלט אינגאַנצן אַ דערציערישע האַנט און וואו ס׳איז, פאַרקערט, פאַראַן אַ צו שטאַרקע, אַ צו איינזייטיקע דערציאונג.

די רייזעלעך, חנהלעך, געצלעך און מנשהלעך, די „ווילדע בריאות“ און „די הינט“ — דאָס זיינען אַלץ קרבנות פון דער דעפעקטיוויזירנדיקער סביבה.

און די אַלע האַלב אָדער גאַנץ דעפעקטיווע קינדער דינען אַלס אומפאַרלייכטבאַרער און שרעקלעכער פאָרוואורף אונז אַלעמען, דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט.

זיי מאָנען ביי אונז אַלעמען אַ תיקון פאַר זיך, זיי רופן

אונז צו ענערגישער און אָנגעשטרייגנטער אַרבעט אויפן געביט פון געזונט מאַכן דעם סאָציאַלן לעבן פון איין זייט און די דערציאונג פון צווייטן זייט.

זיי רופן אונז צום קאַמף מיט די דעפעקטיוויזירנדיקע לעבנס־באַדינגונגען און גלייכצייטיק מיט די רעשטלעך פון דער אַלטער, נעגאַטיווער יידישער דערציאונג.

און ווילן מיר לכל־הפחות, אָפּשוואַכן די דעפעקטיוויזירנדיקע השפעה, ווילן מיר באַקומען קאַדרען פון מענטשן, וואָס זאָלן זיין אַקטיווע מיטבויער פון אַ נוציקן, פּראָדוקטיוון לעבן, דאַרפן מיר זיך נעמען פאַר דער גרויסער און וויכטיקער אַרבעט, צו וועלכע ס׳רופן אונז אַזוי הילכיק גראָד די דעפעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור!

ד״ר ה. קאָוואַרסקי.

## עטלעכע באַמערקונגען.

א) אין דער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור האָט, געוויינלעך, דער נאָמען „דעפעקטיווע קינדער״ אַ באַגרעניצ׳טע באַדייטונג (פון בלויז פּעדאַגאָגיש־דעפעקטיווע, ד. ה. פון אָפּגעשטאַנענע אָדער ווייניק אַנטוויקלטע, וואָס גיבן זיך ניט אַזוי לייכט אונטער דער דערציערישער השפעה). דאָ ווערט דער נאָמען „דעפעקטיווע קינדער״ באַנוצט מיט אַ ברייטערן אינהאַלט און נעמט אַרום ניט בלויז די דערציעריש־שווערע, נאָר אויך די אומנאָרמאַלע אין פיקנטלעכן זין פון וואָרט.

ב) אַ טייל פון דער אַרבעט איז געווען פאַרעפנטלעכט אין אַ פעריאָדישער אויסגאַבע (אין פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „די נייע שול״, 1922, №№ 1—2, 3).

ג) ביי דער אַרבעט זיינען באַנוצט געוואָרן פאָלגנדיקע ביכער און אַרטיקלען:

1) פּראָפ. ד״ר שניאורסאָן. די שול, געזעלשאַפט און דעפעקטיווע קינדער, פאַרל. צ. י. ש. אָ., וואַרשע, 1922.

2) ד״ר ה. קאָוואַרסקי, דעפעקטיווע קינדער „נייע שול״, ווילנע, 1921.

3) וו. בעכטערעוו. נעווראָפּאַטאָלאָגישע און פּסיכיאַטערישע באַאָבאַכטונגען (רוסיש), פּעטערבורג, 1900.

4) י. סיקאָרסקי, די יסודות פון דער טעאָרעטישער פּסיכיאַטריע (רוסיש), קיעוו, 1910, פאַרלאַג „קולזשענקאָ“.

5) א. בינע. מאָדערנע אידעען וועגן קינדער (רוסיש).

6) ט. ריבאָ. דער זכרון אין נאָרמאַלן און קרענקלעכן צושטאַנד (רוסיש) פּעטערבורג, 1908

7) ט. ריבאָ. דער רצון אין נאָרמאַלן און קרענקלעכן צושטאַנד (רוסיש), פאַרל. „גובינסקי“, פּעטערבורג, 1908.

8) לאָמבראָזא. ליבע ביי שוואַכזיניקע מענטשן (רוסיש) אָדעס, 1902.

9) ע. סעגען. די דערציאונג, היגיענע און „מאָראַלישע היילונג פון אינטעלעקטועל-אומנאָרמאַלע קינדער (רוסיש), פאַרל. „ליכטנשטאַדט“, פּעטערבורג, 1903.

10) פיליפּ—באָנקור. פּסיכישע אַנאָמאַליען פון תלמידים (רוסיש), פאַרל. „טיכאָמיראָוו“, מאָסקווע, 1911.

11) בינע—אַנרי. אינטעלעקטועלע איבערמידונג (רוסיש) פאַרל. „וועסטניק זנאַמיאַ“, מאָסקווע, 1899.

12) קראַינסקי. פּסיכאָלאָגיע פון געפאַלענע מענטשן (רוסיש), ווילנע, 1910.

13) „דעפעקטיווע קינדער און די שול“ (רוסיש), זאַמלבוך אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר קאַשצענקאָ, פאַרל. „טיכאָמיראָוו“, מאָסקווע, 1912.

14) פערע. מאָראַלע דערציאונג (רוסיש), מאָסקווע, 1912.

15) ראָסאָלימאָ. פּסיכאָלאָגישע פּראָפילן (רוסיש) מאָסקווע, 1210.

16) בינע—סימאָן. אומנאָרמאַלע קינדער (רוסיש) מאָסקווע 1910.

17) די אַרבעטן פון אַלרוסלענדישן עקספּערימענטאַל-פּעדאַג. צוזאַמענפאָר, פּעטערבורג, 1911.

18) ציהען. די ערקענונג דעס שוואַכזינס אים קינדעס אַלטע, (דייטש), בערלין, 1909.

19) א. אנקעלייט. אונזערע ליבלינגע אין הויז אונד שולע. (דייטש) פאַרל. „סטערצעל“, גומבינען, 1908.

י. רובין.

ס'איז שוין איצט אַ קלאָר און פעסטגעשטעלטער אמת, אַז די פּעדאַגאָגיק בכלל, אַלס וויסנשאַפט, מוז אומבאַדינגט האָבן אַ באַשטימטן ס אָ צ י אַ ל ן באָדן.

ס'קאָן ניט זיין קיין צושוואומענע, אַבסטראַהירטע פּעדאַגאָגישע רעגלאַמענטאַציע, וואָס זאָל זיין איינצייטיק צוגעפּאַסט צו אַ ל ע, אָן אונטערשייד, שיכטן, ס'קאָן ניט זיין אַזאַ אייפּל-טוריס פון דער הייכקייט, פון וועלכן ס'זאָלן פאַנאַנדערגעשיקט ווערן וויסנשאַפטלעך-פּעדאַגאָגישע דעקרעטירונגען מיט דעם ראַדיאָ-כאַראַקטער פון „פאַר אַלעמען, אַלעמען"... די פּעדאַגאָגיק מוז זיין אָרגאַניש פאַרקניפּט מיט איין באַשטימטער ס ב י ב ה און מיט באַשטימטע קאָנסעקווענצן, סיי מאַטעריעל-עקאָנאָמישע, סיי פּסיכאָלאָגישע, וועלכע נעמען זיך פון דערדאָזיקער סביבה.

מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס אויפן חשבון פון דער אַמאָליקער ס ת ם-פּעדאַגאָגיק האָט איצט באַקומען אַ גרויסע אַנטוויקלונג די אַזוי גערופענע ס אָ צ י אַ ל ע פּעדאַגאָגיק.

דער עיקר-אונטערשייד צווישן דעם אַמאָליקן און איצטיקן קורס פון דער פּעדאַגאָגיק קאָן פאָרמולירט ווערן אַזוי:

אַמאָל האָט די ביישטיקייט זיך צוצופּאַסן צו אַ באַשטימטער סביבה זיך אויסגעדריקט אין ריין מ ע ט אָ ד אָ ל אָ ג י ש ע אויספירונגען פון אַ ל ג ע מ י י נ ע פּעדאַגאָגישע פאָראויסזעצונגען. איצט ווערט אַלס גרונטשטיין פון די אַלגעמיין-פּעדאַגאָגישע פאָראויסזעצונגען גופא געלייגט די באַשטימטע סאָציאַלע סביבה.

די פּעדאַגאָגיק בכלל און אויך די סאָציאַלע פּעדאַגאָגיק האָט צוויי הויפּט-באַשטאַנד-טיילן, אויף אַזוי פיל, ווי זי שפּייזט זיך מיט דער הויפּט-וויסנשאַפט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „קינדער-פּסיכאָלאָגיע": די פּסיכאָלאָגיע פון ג אָ ר מ אַ ל ן און פון א ו מ-נ אָ ר מ אַ ל ן קינד.

דידאָזיקעביידע באַשטאַנד-טיילן ווערן, ווי באַקאַנט, אין

דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק אַזוי צוזאַמענגעקניפּט, אַז זיי האָבן צווישן זיך אַ קעגזייטיקע דערגאַנצונגס=שייכות: די דערציאונגס=סיסטעם פאַר דעם נאָרמאַלן קינד ווערט אָפּט צוזאַמענגעשטעלט (ווי, למשל, ביי מאָנטעסאָרין) אויפן סמך פון די רעזולטאַטן, וואָס ס׳גיבן אונז די באַאָבאַכטונגען און פאָרשונגען אין דער וועלט פון אומנאָרמאַלן קינד.

דער צד=השוה אָבער פון די ביידן, פון דער פּסיכאָלאָגיע פון נאָרמאַלן און אומנאָרמאַלן קינד, דריקט זיך ווידער אַמאָל אויס אין דער אויבנאָנגעוויזענער נייטיקייט פון צונויפּבינדונג מיט אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה.

די פּסיכאָלאָגיע פון קינד, ווי זיין פּאַטאָלאָגיע מוזן שטענדיק האָבן אַ שטרענגאויסגעהאַלטענעם סאָציאַלן כאַראַקטער ניט נאָר לויט די אויספירונגען, נאָר אויך לויט די עצם פאָראויסזעצונגען.

באַזונדערס בולט ווייזט זיך עס אַרויס לגבי דער פּאַטאָלאָגיע פון קינד, לגבי דער פראַגע פון קינדער=דעפּעקטיוויטעט.

די לעצטע נעמט זיך דער עיקר פון יענע אייגנאַרטיקייטן און ספּעציפישע באַדינגונגען אין דער באַשטימטער סאָציאַלער סביבה, וואָס שאַפן דעם גינסטיקן באָדן פאַר דער דעפּעקטיוויטעט.

ווי ס׳זאָל ניט זיין אונזער באַציאונג צו דער פראַגע פון דעם אָרט, וואָס די ירושה פאַרנעמט אין דער דערציאונג, ווי מיר זאָלן זיך ניט אָריענטירן אין דער פראַגע פון נאַטיוויזם און עמפּיריזם (זע: „קאָלעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם אין דער אַרבעטס=שול, „נייע שול“ נום. 3—4, 1921), מוזן מיר אָבער קומען צום אויספיר, אַז די סביבה איז אַלנפאַלס די הויפּט=סיבה פון יעדער אייגנאַרטיקייט אין דעם קינדסדערציאונג און באַזונדערס די סיבה פון דער קינדער=דעפּעקטיוויטעט.

די דעפּעקטיוויטעט אין עצם איז דאָך אַן אָפּווייכונג פון די פעסטגעשטעלטע נאָרמען, אַ „יוצא מן הכלל“ לגבי דעם, וואָס ס׳טראָגט דעם נאָמען: „נאָרמאַלע דערציאונג“. און פונקט אַזוי, ווי די נאָרמאַלע דערציאונג גופא איז בלויז אַ פאַרהעלטניסמעסיקע זאַך, וואָס קאָן ניט פּרעטענדירן אויף אויסגע=

האַלטנקייט און באַשטענדיקייט און אויף אַ ווירקונג לדורות,פּונקט אַזוי דאַרפן אויך די אָפּווייכונגען פון דערדאָזיקער „נאָרמאַלער דערציאונג" באַטראַכט ווערן נאָר אין הסכם מיט באַשטימטע פאַר־העלטניסן, אַלגעמיינע און לאָקאַלע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטניסן.

ס'איז גענוג די געבראַכטע הנחה צו פאַרפעסטיקן מיט איין אילוסטראַציע.

די יעניקע דעפעקטיוויטעטן, למשל, וואָס פלעגן אין דער אַמאָליקער ספּאַרטע אַזוי אכזריותדיק באַקעמפט ווערן (הויפּטזעכ־לעך, פיזישע אַנאָמאַליען), וועלן איצט ביי אונז שוין ניט טראַק־טירט ווערן, אַלס דעפעקטיוויטעטן, וואָס נייטיקן זיך אין אַ שטרענ־גער באַקעמפונג.

אין פאַרקערטן פאַל וואָלטן מיר דאָך, האָבנדיק דעם אַמאָליקן ספּאַרטאַקישן צוגאַנג צו דער פראַגע, געדאַרפט פאַר־רעכענען אַלס דעפעקטיווע ניט איינציקע מענטשן, נאָר כמעט די גאַנצע מענטשהייט, מיר וואָלטן דאָך געמוזט קומען צו אַ באַשלוס וועגן דער נייטיקייט פון אויספירן ניט אַריי מאָרדן, נאָר איין גרויסן זעלבסטמאָרד אין אַן אַלגעמיינעם מאַסשטאַב...

און ס'איז קלאָר, אַז דער ערשטער און עיקרדיקער פאָר־באַדינג סיי פאַר דער פעסטשטעלונג פון די סיבות, סיי פאַר דער אויסמעסטונג פון היקף און כאַראַקטער פון דער דעפעקטי־וויטעט, איז די באַשטימטע סאָציאַלע סביבה, אין וועלכער די דעפעקטיוויטעט האָט זיך אנטפלעקט.

און ס'איז דעריבער אויך קלאָר, אַז ווען מיר גייען צו צו דער פראַגע וועגן דעפעקטיווע קינדער, מוזן מיר, קודם־כל, זיך פאַראינטערעסירן מיט דער סביבה, אין וועלכער די קינדער לעבן.

ווען מיר טרעטן צו צו באַהאַנדלען די דעפעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור, מוזן מיר די עצם־באַהאַנדלונג שטעלן אין הסכם מיט די ספּעציפישע באַדינגונגען פון יענער יידישער סביבה און צייט־היקף, וואָס די נייע יידישע ליטעראַטור פאַרנעמט.

די נייע יידישע ליטעראַטור בכלל, אַ חוץ קליינע אויסנאַ־

מען, קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס די ליטעראַטור פון קליינשטעטל, פון טראַדיציאָנעל-קאָנפעסיאָנעלן שטעטל.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אין די ראַמען פון דער טראַגישער עפּאָפּייע פון „באַליידיקטע און דערנידעריקטע", וואָס די אָפּגעשלאָסענע יידישע געטאָ-סביבה האָט געשאַפן, האָט *דאָס יידישע קינד*, צוזאַמען מיט דער יידישער פרוי און באַיאָכטן און פאַריאָגטן מאַסן-מענטש, פאַרנומען אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ.

כמעט ביי אַלע באַדייטנדיקע יידישע שריפטשטעלער געפינט איר גאַנצע גאַלערייען פון קינדער-טיפּן. די באַציאונג צו די קינדער איז, נאַטירלעך, ביי פאַרשיידענע שרייבער מיט פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע און קינסטלערישע אָריענטאַציעס, אַ פאַרשיידענע.

ליִנעצקי, למשל, נוצט אויס זיין „פוילישן יינגל" אַלס מיטל צו זיין משכילישן קאַמף קעגן דער אָפּגעשטאַנענקייט פון אַלט-טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן, מענדעלע מוכר-ספרים׳ס הערשעלע און „שלמה רב חיימס" (אין זיינע קינדער-יאָרן) זיינען רינגעלעך פון דערזעלביקער קייט, ביי פּרצן זיינען די קינדער-טיפּן אַ פּראָטעסט פון קעלער-שטוב קעגן די הויכע גרויסשטאָטיש-אַריסטאָקראַטישע פענסטער, דער ערשטער אָנזאָג פון דער שפּעטערדיקער קלאַסן-פאַרשאַרפונג, ביי אַשן, יונה ראָזענפעלדן, י. מ. ווייסענבערגן א. אַ. טרעפן מיר שוין קינדער פון דער אויסגעקריסטאַליזירטער פּראָלעטאַרישער סביבה.

און אפשר איז שלום-עליכם דער איינציקער, וואָס שטעלט זיך ניט ביי זיינעקינדער-טיפּן, פונקט ווי ביי אַלע זיינע איבעריקע שילדערונגען בכלל, קיין באַזונדער צוועק, אַחוץ דער זעלבסטווערטיקייט פון די קינדער-טיפּן גופא.

און אויף אַזוי פיל, ווי די קינדער-טיפּן אין דער יידישער ליטערטור זיינען אין דער מערהייט אַ פּראָדוקט פון דער אַלטער יידישער געטאָ-סביבה, מוזן זיי גלייכצייטיק, ווידער אין זייער מערהייט, זיין קינדער *דעפעקטיווע*, ווייל די דערמאָנטע סביבה האָט ניט געקאָנט, לויט איר גאַנצן מהות ניט ברענגען צו פאַרקריפּלונגען, צו אָפּווייכונגען פון נאָרמאַלן, האָט ניט געקאָנט

ניט ברענגען צום דעפעקטיוון, באַזונדערס בנוגע דער דערצי־
אונג. און באַהאַנדלען מיר די קינדער־טיפּן פון דער יידישער
ליטעראַטור פון דער צייט, ווען ס'האָט אין אונזער לעבן גע־
הערשט די חדר־„דערציאונג“, איז אונז, אייגנטלעך, שוין ניט
נייטיק אָפּצושטעלן זיך געגוי אויף באַזונדערע דעפעקטי־
ווע קינדער, ווייל די דערמאָנטע „דערציאונג“ האָט דאָך געמוזט
An masse ווירקן דעפעקטיוויזירנדיק.

מ'קאָן אפשר איינגעפינען אַ סתירה צווישן דעם, וואָס כ'זאָג
דאָ איצט, און דער פריערדיקער שטעלונג וועגן דער פּאַר־
העלטניסמעסיקייט פון דעפעקטיוויטעט בכלל, מ'קאָן
איינגעפינען פון שטאַנדפּונקט פון דער אַזוי גערופענער „היסטאָ־
רישער פּערספּעקטיוו“ אַ פאַרענטפערונג און באַרעכטיקונג פאַר
דער חדר־דערציאונג. מ'קאָן אויפווייזן, אַז דער אַלטער כלל פון
„יפתח בדורו כשמואל בדורו“ איז אַ רעאַל־פּסיכאָלאָגישער תיקון
פאַר דער באַהאַנדלטער צייט: אין די אומשטענדן און ספּעציעל
באַדינגונגען פון דעם אַלט־טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן איז די
דאַמאָלסדיקע דערציאונג כלל ניט געווען קיין אומגעוואונטשענע,
קיין דעפעקטיווע דערציאונג, נאָר אַ נאַטירלעכער פּועל־יוצא פון
דאַמאָלסדיקן לעבנס־שטייגער.

אַזוי וואָלט טאַקע געדאַרפט זיין אונזער אָביעקטיווע אָפּ־
שאַצונג פון ריין־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט.

איז די זאַך אָבער אין דעם, וואָס די אַלטע יידישע דער־
ציאונג איז נאָך, ליידער, ניט אינגאַנצן קיין רעפּראָדוצירטע
געדעכעניש פון דער ווייטער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, נאָר
נאָך אַ שטיק פון דער איצטיקער, לעבעדיקער ווירקלעכקייט. דער
חדר איז נאָך ניט קיין אַרכיוו־מאַטעריאַל פאַר עפּיש־קאַלטע
היסטאָרישע פאָרשונגען, נאָר אַ אינסטיטוט, וועלכער האַלט זיך
נאָך עקשנותדיק אין אונזער היינטיקן לעבן. אונז טיילט אָפּ פון
אַלטן חדר אַלנפאַלס אַ צו קליינע כראָנאָליגישע דיסטאַנץ, צווישן
אונז לעבן נאָך און ווירקן די ווייט נאָך ניט „לעצטע מאָהיקאַנער“
פון דער חדר־„דערציאונג“. און אַזוי אַרום קענען מיר וועגן דער
פראַגע ריידן פון ריין ווירקלעכקייטס־שטאַנדפּונק, וואָס גיט אונז

די מעגלעכקייט און רעכט דורכצופירן דעם נייטיקן אַנאַליז און צו דעפינירן די דערמאָנטע דערציאונג אַלס דעפעקטיווע.

וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, ריכטיקער: וואָס שטעלט נאָך ביז היינטיקן טאָג מיט זיך פאָר די חדר-דערציאונג? —

אויב מיר זאָלן פרובן ענטפערן אויף דער פראַגע, זיך האַלטנדיק אין די ראַמען פון דעם אַרטיקל און אָפּערירנדיק בלויז מיט אילוסטראַציעס פון קינדער-טיפּן אין דער יידישער ליטעראַטור, וועט זיך שוין באַקומען אַ גענוג טרויעריקער בילד.

און זאָל דערלויבט זיין, נאָך איידער מיר וועלן אַריבערגיין צו איינצלנע קינדער-טיפּן, אַלס אילוסטראַציעס, איידער מיר וועלן אַריבערגיין צו דער דעטאַלער באַהאַנדלונג פון אינדיווידועלע דעפעקטיוויטעטן, צו אָפּשטעלן זיך אויף די אַלגעמיינע אַנאָמאַליען און כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער סביבה, אַלס אַזעלכער.

ס'וועט זיין אַ ווייט ניט אויסשעפּנדיקע רשימה פון די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע אַנאָמאַליען פון דער סביבה, כ'וועל אָבער דאָ באַרירן די וויכטיקסטע פון זיי.

וואָס האָט דאָס אַלטע יידישע לעבן מיט זיין איינציקן דערציאונגס-אינסטיטוט, דעם חדר, געגעבן נעגאַטיוועס אין לעבן פון אונזערע קינדער?

קודם כל די ניט גלייכמעסיקע אַנטוויקלונג פון די חושים, די באַוואוסטזיניק-ניטהאַרמאָנישע דערציאונג פון אַלע זייטן פון קינדס פסיכיק.

ניט די הויפּט-אויפמערקזאַמקייט, נאָר די אויסשליסלעכע אויפמערקזאַמקייט פלעגט אָפּגעגעבן ווערן אויף דער ריין אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון קינד, און דאָס אויך נאָר אין איין באַשטימטער, באַגרעניצטער ריכטונג, אין דער ריכטונג פון אַבסטראַקט-מנעמאָנישער, סכאָלאַסטיש-פּלפּולדיקער אַזוי גערופענער „שאַרפונג פון מוח“.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף דער אויפקלערונג פון די סיבות, וואָס האָבן, אַן און פאַר זיך באַרעכטיקטע, געבראַכט צו אַזאַ מין איינזייטיקייט.

ס׳דאַרף אָבער באַטאָנט ווערן, אַז אין פאַרגלייך אַפילו מיט די קרובהשע מיטל-אַלטערלעכע סכאָלאַסטישע און ווערבאַליסטישע לערן-אַנשטאַלטן פון די אומות-העולם, האָט אונזער חדר געשלאָגן זיין באַזונדערן רעקאָרד.

אויב, למשל, דיקענס קומט מיט „דונערן און בליצן" פון פראָטעסטן צו באַקעמפן (אין זיין „דאָמבי און זון") די אַלטע שול פון דר. בלומבערג אין „ברייטאָנס שלאָס", וואָלטן מיר עס געקאָנט אָננעמען, כלפי אונזער „שול" פון אונזער געטאָ-שלאָס, אַלס גוטמוטיקע און ווייכהאַרציקע קאָמפּלימענטן. ווען דער גרויסער דענקער פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע מאָנטען, קריטיקירט שאַרף די דאַמאָלסדיקע שול פון אַבסטראַקציע, און שטעלט צו דעם צוועקעגן דער גריכישער וואָרט-שול די ספּאַרטאַקישע טאַט-שול (ס׳איז דאָך קלאַסיש געוואָרן זיין אַפּאָריזם: „די גרעסטע געלערנטע זיינען נאָך ניט די גרעסטע חכמים"), וואָס וואָלטן מיר געדאַרפט זאָגן בנוגע אונזער אַלטער שול, וואו דאָס וואָרט (דאָס פּלפּולדיקע און טעמפּמאַכנדיקע וואָרט) האָט ניט דערלאָזן אפילו קיין שאָטן פון טאַט? און דער נאָענטסטער פּועל-יוצא פון אַזאַ איינזייטיקער אינטעלעקטועלער דערציאונג, וואָס איז אין איר ריי געווען אַ פּועל-יוצא פון באַשטימטער סביבה, פון דעם באַשטימטן לעבנס-שטייגער בכלל, איז געווען די אַנולירונג פון יעדער באַדייטונג פאַר דער פיזישער אַנטוויקלונג פון קינד.

און דאָס איז שוין דער צווייטער נעגאַטיווער סימן פון דער אַלט-יידישער דערציאונג.

כמעט אַלע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור (דינעזאָנס „הערשעלעך" און „יאָסעלעך", שלום-עליכמס שימעקס, „דריי קעפּלעך" א. אַ., יונה ראָזענפעלדס „פייגעלעך", „רייזעלעך", „חנהלעך", מענדעלע מו"ס—ימס הערשעלעך א. אַז. וו. א. אַז. וו.) צייכענען זיך, קודם כל, אויס מיט זייער שוואַכער און אָפּגעשוואַכטער פיזישער קאָמפּלעקציע. און דאָס גופא האָט שוין אַ גוואַלדיקע באַדייטונג פאַר דער אילוסטרירונג ניט נאָר פון דערריין-פיזישער, נאָר אויך פון דער אַלגעמיינער דעפעקטיוויטעט פון די קינדער.

ס׳עקזיסטירט, ווי באַקאַנט, אין דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע אַ פראַגע וועגן דער קעגנזייטיקער באַציאונג און ווירקונג צווישן דער פּסיכיש־אינטעלעקטועלער און פיזישער אַנטוויקלונג פון קינד.

שוין לאַנג איז דער פאַקט פון אַזאַ קעגנזייטיקע שייכות צווישן די ביידע מינים אַנטוויקלונג פאָרמולירט געוואָרן אין באַנאַלן אַפאָריזם:

Mens sana in corpore sano („אַ געזונטע זעל אין אַ געזונטן גוף״).

בינע, למשל, קלייבט פאַנאַנדער די פראַגע און קומט צום באַשלוס, אַז אויב ס׳איז שווער פעסטצושטעלן אַ פּינקטלעכע און שטענדיק איינהייטלעכע פּראָפּאָרציע צווישן די ביידע מינים אַנט־ווּיקלונג (אַזעלכע זאַכן לאָזן זיך נאָך, פאָרלויפיק, ניט אונטערפירן אונטער פּינקטלעכע מאַטעמאַטישע פאָרמולן), מוז אָבער שוין, אויפן סמך פון עקספּערימענטאַלער און ניט בלויז אַפּריאָרישער באַגרינ־דונג, דער עצם פאַקט פון אַזאַ אומבאַדינגטן סבה־בונד צווישן דער אינטעלעקטועל־פּסיכישער און פיזישער אַנטוויקלונג גערעכנט ווער, אויסער יעדן ספק! —

כאַראַקטעריסטיש לגבי אונזער אַלט־יידישער סביבה מיט איר אומגעהייערער גרינגשעצונג פאַר דער פיזישער דערציאונג פון קינד איז אָבער דאָס, וואָס ביי אונז גייט אָפט די צו שוואַכע פיזישע אַנטוויקלונג האַנט ביי אַ האַנט מיט אַ צו גרויסער אינ־טעלעקטועלער אַנטוויקלונג. ביי אונז געפינען זיך די ביידע מינים פון דער דערציאונג אָפט אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרציע.

גראָד די יעניקע קינדער אונזערע, פאַר וועמענס פיזישע ניט גענוגנדיקע אַנטוויקלונג ביאַליק געפינט די אויסגעצייכנטע שילדערונגס־ווערטער פון... „שטרוי, רויך און פעדערלעך, נעם און צעבלאָז זיי אויף פליטערלעך״, גראָד די פיזיש שוואַכסטע קינדער זיינען די אינטעלעקטועל שטאַרקסטע.

און דידאַקטישע צושטאַרקייט אין אינטעלעקטועלן זין דאַרף גערעכנט ווערן — לויט ווי ס׳ווייזן ריכטיק אָן פאַרשיידענע פאָרשער פון דעפּעקטיווע קינדער — אַלס אויסגעשפּראָכענער

סימן פון דעפעקטיוויטעט (שפּעטער וועלן מיר זיך אויף דעם אָפּשטעלן אויספירלערכער).

די ניט גלייכע באַציאונג אין דער אַלט=יידישער סביבה צו ביידע מינים פון דערציאונג, די באַוואוסטזיניקע קולטיווירונג פון „שטארקע“ נשמות אין שוואַכע קערפּערס איז, נאַטירלעך, ניט קיין צופעליקייט, נאָר האָט צו טאָן מיט אַ באַזונדער אָנשויאונג.

די אָנשויאונג באַקומט, למשל, איר אויסדרוק ביי איינעם פון פרצס גאַלערייע מלמדים=מאַרטירער:

„... דער גוף איז דאָך נאָר אַ כּלי=חמר פאַר דער נשמה. וואָס מער דער גוף וועט געלייטערט און געאיידלט ווערן, אַלץ שטאַרקער וועט זיין די נשמה“...

אין צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער באַוואוסטזיניקער און קולטאַרטיקער איגנאָרירונג פון דער פיזישער אַנטוויקלונג אין דער אַלט=יידישער סביבה קומט די אויפגעצוואונגענע דערשלאָגנקייט פון יידישן קינד, זיין פאַרלירן פון לעבנסלוסט, זיין סיסטעמאַטישע פאַרוואַנדלונג אין אַ קאָנצענטרירטן, איינזאַמען, פאַרצאָרגטן, אָפט כאַראַקטערלאָזן טיפּ.

סיי דאָס אַלט=יידישע לעבן בכלל און סיי דער חדר בפרט רינגלען אַרום דעם קינד מיט אַ גרויסן צוים פון „לא תעשהס“: „דאָס טאָר מען ניט טאָן און דאָס דאַרף מען ניט טאָן“.

און די אַלע שטרענגע „לא תעשהס“ באַציען זיך דאָס רוב אויף די אַלע נאַטירלעכסטע אַרויסווייזונגען פון פרימיטיווע, ברויזנדיקע קינדערשע פרייד און לעבנסלוסט.

די אויפגאַבע פון דער דערציאונג איז געווען וואָס שנעלער צו פאַרוואַנדלען דאָס קינד אין אַ דערוואַקסענעם, אין אַ פּראָטאָטיפּ פון אַן עלטערן, גלייכגעוויכטיקטן יידן.

דער חדר פילט אויס דידאָזיקע אויפגאַבע אַמבעסטן.

די פאַרשיידענע חדר „דערציער“ פון פרצס זרח=קנייפּס און שלום=עלכמס בועז=מלמדס שאַפן פון חדר אַ פולשטענדיק אָפּגעשלאָסענעם אַנשטאַלט, אַן אַנשטאַלט, וואָס א. רייזען פאָרמולירט אַזוי געלונגען אין זיין נאָוועלע „פאַרמאַכט“: דער חדר פאַרמאַכט פון קינד יעדן צוגאַנג צום לוסטיקן, צו דער נאַטיר=

לעכער פאַרוועדונג פון דער אויפגעזאַמלטער ענערגיע, צום פרימיטיוון קינדערשן שפיל.

די „דערציער" האָבן צו דעם צוועק אַ ריי אויסגעפּרובטע מיטלען, צווישן וועלכע דעם גרעסטן אָרט פאַרנעמט די לייב־שטראָף.

אין חדר קומט פאַר אַ סיסטעמאַטישע און אויסגערעכנטע אַרבעט פון אַנאַטאָמירן דאָס קינדישע אין קינד און וואָס גיכער אים איינצוקלאַמערן אין דער ענגער סדום־בעטל פון דעם אַלט־יידישן לעבנס־שטייגער, דער נאָמען פון וועלכן ס'איז רייזענס „פאַרמאַכט".

און דידאַקטיקע אַנאַטאָמירונגס־אַרבעט קומט פאַר אונטערן סאַדיסטישן אַקאָמפּאַנימענט פון „שמיצלעך־מוצלח, שמיצלעך־מוצלח"...

די קינדער געפינען, אמת, אַ וועג פאַר זייער קינדערשן, זיי טראָגן עס אַריבער אין דער פאַרווערטער אונטעראירדישקייט (די „בין השמשות", ווען דער רבי גייט אַוועק פון חדר אין בית־המדרש, איז פאַר זיי די בעסטע צייט אין טאָג), זיי פאַרמאָגן צייטן און מענטשן, וואָס פאַרלייכטערן זייער גורל, צייטן, ווען ס'איז דערלויבט אַפילו פאַר דערוואַקסענע און ערנסטע יידן אַביסל קינדער צו ווערן (שמחת־תורה, סוכות, פסח) און מענטשן, וועלכע זיינען נאָענט צו דעם קינדישן ביי די קינדער (די אומגעווינלעכע טרעגערין פון דער אמת־רירנדיקער ליבע, די זעלטענע יידישע מוטער, די אַלטע זיידעס, די גוטמוטיקע „אורחים" און ארץ־ישראל־יידן) דאָס זיינען אָבער קליינע זיסע טראָפּנס אין ביטערן ים פון דער סביבה, אין וועלכער עס וואַקסט און ט'אַנטוויקלט זיך דאָס יידישע קינד!

נאָך איינער פון די שווערסטע אַ ל ג ע מ יי נ ע אַנאָמאַליען פון דער אַלטער יידישער דערציאונגס־סביבה איז, אָן ספק, דער פאַקט פון ווידמען די עיקר־אויפמערקזאַמקייט דער אַלטער און ווייטער פאַרגאַנגנהייט אויפן חשבון פון נאָענטן היינט.

שוין מענדעלע מ"ס זאָגט זיך אַרויס אויף זיין בייס־דיק

שטראָף־אופן וועגן דערדאָזיקער צרה אין דער אַלט־יידישער דערציאונג:

— „וואו איז שוין שלמהלע פאַר די פּאָר יאָר (וואָס ער לערנט אין חדר) ניט אויסגעוועון? טאַקע גאָר עפּעס, ווי אַן אַלטער, וואָס ס'וואָלט אַוועקגעלעבט מתושלחס יאָרן... ער איז געוועזן אין ארם־נהרים, אין כנען, אין מצרים, אין פרס ומדי, און וויסטענישן און מדבריות..." (שלמה רב חיימס).

און ער גיט צו:

„נאָר לעבן מיט דעם זכר אַליין דערפון, וואָס ס'איז געווען, בלייבן ביי אַגעשיכטע און דרייען זיך, דרייען זיך אויף איין אָרט, ווייטער ניט אויף אַ האָר — אַזעלכעס הייסט ניט געלעבט...

„דאָ אויף דער וועלט איז שלמהלע אַלמך, ווייס ניט פון אַ לעבן צוזאָגן, דערפאַר דאָרט, אויף יענעם עולם, וואוהין ער פאַרפליט דורך דאָס לערנען, איז ער אַ ווילדער חכם"...

און דאָס איז טאַקע די עיקר־טראַגעדיע פון דער אַלט־יידישער דערציאונג (און צי נאָר אַלט־יידישער?), וואָס „יענע וועלט" פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון „דער וועלט", וואָס זייענדיק קינסטלעך איינגעשפּאַנט אין רייטוואָגן פון אַלטע, אַזוי ווייטע דורות ס'ווערט דאָס קינד אָפּגעריסן פון היינט, פון די דירעקע אינטערעסן און אויפגאַבן.

זאָגט דאָך קאַנט:

„ס'קאָן ניט געמאָלט זיין קיין גרעסערע אכזריות פון דעם, ווען מ'רעדט מיט אַ קינד, וואָס איז נאָר וואָס געקומען אין אונזער וועלט, וועגן אַן אַנדער און פרעמדער וועלט".

וואָס קענען מיר צו דעם צוגעבן?

ביי אונז איז די „אַנדער און פרעמדע וועלט" דאָך געווען דער אַלפאַ־אָמעגע פון דער גאַנצער דערציאונג, איר קולט, איר „רוח חיים".

און די דעפעקטיוויזירנדיקע ווירקונג פון דעם איז אויסער יעדן צווייפל.

דאָס האָט געמוזט ברענגען דערצו, ס׳זאָלן ביי אונז אויפוואַקסן גוואַלדיק „גרויסע קעפּ“, אַלאַ שלום-עליכמס יוזפל דער רב, וואָס פאַרשטייט גאָרניט „בהוויות העולם“, ס׳זאָל אויסוואַקסן אַ פולשטענדיקער דאָן-קיכאָטיזם (אין אַ ספּעציעל יידישער אויסגאַבע אַלאַ מענדעלעס „בנימין השלישי“), וואָס האָט ניט די מינדעסטע צוגעפּאַסטקייט צוםווירקלעכן לעבן.

אין קורצן וואָלט איך, רעזיומירנדיק די אַלגעמיינע דעפעקטיוויזירנדיקע מאָמענטן פון דער אַלט-יידישער דערציאונגס-סביבה, אַלס אַ זעלכער, אויסגעטיילט די מער בולטע פון זיי אין פאָלגנדיקן סדר:

א) די ניט-גלייכמעסיקע אַנטוויקלונג פון קינד בכלל.

ב) דאָס בכונהדיקע קולטיווירן פון אינטעלעקט אויפן חשבון פון דער פיזישער אַנטוויקלונג.

ג) דאָס מעטאָדישע באַקעמפן פון קינדישן אין קינד און דאָס פריצייטיקע פאַרוואַנדלונג פון קינד אין אַ דערוואַקסענעם.

ד) דאָס אויסשליסלעכע אָפּערירן מיט דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט אויפן חשבון פון ווירקלעכן און נאָענטן.

און גייען מיר אַריבער צו איינצלנע אילוסטראַציעס פון דער יידישער ליטעראַטור, דאַרף דער מאַטעריאַל פאַרטיילט ווערן אויף פאָלגנדיקע דריי גרופּן:

א) די קינדער-שילדערונגען, וואָס גיבן אַ באַלויכטונג פון דער דעפעקטיוויזירנדיקער סביבה, אַלס אַזעלכער.

ב) אַזעלכע, וואָס גיבן אונז אַן אָנונג וועגן די רעזולטאַטן פון דער דערמאָנטער סביבה. די רעזולטאַטן געפינען זייער אויסדרוק אָדער אין טיילווייזע און איינצלנע שוין פאָרמירטע דעפעקטיוויטעטן אָדער אין דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון בהדרגהדיקער דעפעקטיוויזירונג גופא.

און ג) אַזעלכע, וואָס ווייזן אונז שוין אינגאַנצן אויסגעפאָרמירטע, פאַרענדיקטע, אַזוי צו זאָגן, אַנאָמאַליען; דידאָזיקע שילדערונגען גיבן ניט בלויז קיין קאָנטורן פון דעפעקטיוויטעט ביי קינדער, נאָר שוין אינגאַנצן אויסגעפאַרטיקטע דעפעקטיווע קינדער.

וואָס עס איז נוגע דער ערשטער גרופּע, איז זי צו ברייט און צו צאָלרייך, מ׳זאָל דאָ, אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל, מיט איר זיך באַשעפטיקן. (ס׳איז אמת, שוין לאַנג צייט, ס׳זאָל אָנ־געשריבן ווערן אַן אויספירלעכע אַרבעט א. ד. ט. „קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור". אַ פּרוב צו דעם איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם שרייבער פון דידאָזיקע שורות, פאַרלאַג „זאַריאַ", מאָסקווע, 1918), מיר וועלן נעמען די צווייטע גרופּע.

דאָ מוז, קודם־כל, אויסגעטיילט ווערן דער כאַראַקטעריסטי־שער סימן פון קינדער־דעפעקטיוויטעט, אויף וועלכן עס ווייזן אָן אַלע קינדער־פּסיכאָלאָגן, כ׳האָב בדעה: די צו גרויסע אַנטוויקלונג פון איין באַשטימטער אינערלעכער נייגונג אויפן חשבון פון די איבעריקע, די היפּערטראָפּיע פון איין באַ־שטימטער פּסיכישער אייגנשאַפט, וואָס איז שוין ממילא אַ פּועל־יוצא פון אַ ווייניקער אָדער מער בולטער אַטראָפּיע פון אַנדערע פּסיכישע און פיזיאָלאָגישע פאַקטאָרן.

אין אומגאַנגס־לעבן רעכנט מען, געוויינלעך, אַזעלכע קינדער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ באַשטימטן פּסיכאָ־פיזיאָ־לאָגישן פאַקטאָר, אַלס מוסטערן פון פולקומהייט. עס איז אָבער שוין לאַנג דערוויזן, אַז דערדאָזיקער צוגאַנג איז, פון שטרענג־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, אַ שעדלעך־פאַראיינ־פאַכטער און פעלערהאַפטער.

ס׳איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז אַלס אומנאָרמאַלע קינדער דאַרפן כאַראַקטעריזירט ווערן ניט נאָר די, וואָס שטייען נידעריקער פאַר דער נאָרמע, נאָר אויך די, וואָס שטייגן איבער די נאָרמע, וואָס שטייען העכער פון איר.

און אויב ס׳איז בכלל ריכטיק די באַקאַנטע אַסאָציאַירונגס־מעטאָדע פון לאָמבראָזאָ, לויט וועלכער „גאונות" איז אָפט אַ סינאָ־נים פון „טירוף הדעת", איז קלאָר, אַז גאונות, ד. ה. אַ בולטע איבערשפּאַנונג פון דער נאָרמע בנוגע אַפילו איינצלנע פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישע פאַקטאָרן, איז אָפט אַן אויסגעשפּראָכענער סימן פון קינדער־דעפעקטיוויטעט.

דאָס אָפּשטעלן זיך אויף איינצלנע פּסיכישע אייגנשאַפטן,

אָנשטאָט צו געבן אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דעם פסיכישן אינהאַלט אַלס גאַנצן, ווערט איצט בכלל באַרעכטיקט פון דער מאָדערנער עקספּערימענטאַלער פּעדאַגאָגיק.

דער אַמאָליקער מעטאָד פון דער אַזוי גערופענער „General inteligence“ (אַלג. כאַראַקטעריסטיק פון דער אינטעלעקטועלער אַרבעטספּעאיקייט), ביי וועלכע ס'האָבן זיך געהאַלטן באַזונדערס די אַמעריקאַנער עקספּערימענטאַטאָרן, איז איצט שוין לאַנג אָפּגעפּרעגט. איצט באַשעפטיקט מען זיך דער עיקר מיט דער אויספאָרשונג פון באַזונדערע, באַשטימטע, פּסיכישע פונקציעס, פון וועלכע מ'דערגייט ערשט צו די „צענטראַלע פאַקטאָרן“, וואָס באַשטימען שוין די גאַנצע סטרוקטור פון פּסיכישע באַציאונגען. (זע אויספירלעך ביי ר. שולצע: „טעכניק פון פּסיכאָלאָגישן און פּעדאַגאָגישן עקספּערימענט“, רוסישע איבערזעצונג, פאַרלאַג „קאָסטין“, פּעטערבורג 1912).

וואָס פאַר אַ פּסיכישע אייגנשאַפטן באַקומען די מדרגה פון היפּערטראָפּירטער אַנטוויקלונג ביי די קינדער־טיפּן אין דער יידישער ליטעראַטור?

קודם כל, די צו שטאַרקע, אויסער דער נאָרמע (העכער, ווי די נאָרמע) שטייענדיקע עמפּינדלעכקייט און די צו אַנטוויקלטע עמאָציאָנעלע אָרגאַניזאַציע בכלל.

די גאַנץ באַדייטנדיקע גרופּע פון קינדער־טיפּן מיט דער אָנגעוויזענער צו אַנטוויקלטער עמאָציאָנעלער אָרגאַניזאַציע וואָלט איך אָנגערופן מיט דעם אַלגעמיינעם נאָמען „וויקטאָריאַדע“, ווייל זיי זיינען געגעבן אין אונזער ליטעראַטור, זיי לויט זייער עצם אינהאַלט, זיינען זיי איבערדיכטונגען, אַמאָל פּשוטע רעפּראָדוקציעס פון דער באַקאַנטער „וויקטאָריע“. צו דער דאָזיקער גרופּע רעכן איך צו, אַלס ביישפּילן, שלום־עליכמס שימעק און בוזי (פון זיינע „בלעטלעך שיר השירים“), יונה ראָזענפעלדס פייגעלע און רייזעלע (פון די נאָוועלן, ריכטיקער: פּסיכאָלאָגישע עטיודן, וואָס טראָגן דיזעלביקע נעמען), י. ל. פּרצס „קראַנקן

יינגל״, ראובן=בנימין און גאָלדעלע (פון זיין סוכּות=דערציילונג „קינדער״), דינעזאָנס „יאָסעלע״ און נאָך און נאָך.

שימעקס ליבע צו בוזין איז אַ סך מער, ווי אַ געוויינלעכע קינדער=סימפּאַטיע. שימעק איז זיך גרייט מוסר=נפש צו זיין פאַר זיין בוזין (זיין גרייטקייט צו לאָזן זיך נקמה נעמען פון בוזיס מוטער), שימעקס ליבע אַנטהאַלט אין זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז אַ צונויפמיש פון רירנדיק=קינדערשער תּמימות מיט אומגעוויינלעכן, ניט קינדערשן און אפילו ניט מענטשלעכן (אין בעסערן זין פון וואָרט) אַלטרואיזם. צוגעבונדנקייט און סימפּאַטיע איז, ווי באַקאַנט (זע, למשל, פּערעס „מאָראַלע דערציאונג״ ז. ז. 237—248), אַ נאַטירלעכע נייגונג פון קינדס פּסיכיק. דידאָזיקע סימפּאַטיע צייכנט זיך אָבער שטענדיק אויס מיט איר אויסגעשפּראָכענעם עגאָאיס טישן אונטערבאָדן. די קינדער זיינען דאָך בכלל די גרעסטע מאַטעריאַליסטן, דער בעסטער באַוויז פון וועלכן ס׳איז זייער פּרימיטיווע אומבּרחמנותדיקייט צום גאַנצן אַרומיקן.

ווי זשע האָט זיך שימעק געקאָנט דערהויבן צו אַזאַ אַלטרואיזם אין זיין ליבע צו בוזין?—

דעמזעלביקן אומגעוויינלעכן אַלטרואיזם, דיזעלביקע היפּערטראָפירטע סימפּאַטיע טרעפן מיר אויך ביי פּרצס ראובן=בנימין און גאָלדעלע.

אַלס בולטסטע אָבער אילוסטראַציע פון דעם מין קאָן דינען ראָזענפעלדס „פייגעלע״.

פייגעלע און חיימל זיינען דיזעלביקע שלום=עליכמס שימעק און בוזי, פּרצס ראובן=בנימין און גאָלדעלע (און ווען פּרץ וואָלט ווייטער אַנטוויקלט אין זיין „קראַנקרן יינגל״ דעם מאָמענט פון דער באַגעגעניש מיט דער אָרימער מיידעלע, וואָס האָט פאַרלאָרן דער מאַמעס צענערל אויפן פּלאַץ, וואָלט זיך זיכער באַקומען נאָך איין אילוסטראַציע פון דערזעלביקער גרופּע) מיט דער איין נפקא=מינה, וואָס זיי האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן: ביי ראָזענפעלדן איז אַקטיוו ניט דאָס יינגעלע חיימל (ווי ביי שלום=עליכמען און פּרצן), נאָר דאָס מיידעלע פייגעלע.

די ליבע פון פייגעלען צו חיימלען האָט זיך אָנגעהויבן פון

אירע פריסטע יאָרן (זי איז אַלט געווען 8 יאָר און חיימל 10). מ׳האָט דידאַזיקע ליבע בשום אופן ניט געקאָנט דערקלערן מיט דער נאַטירלעכער קינדערשער נייגונג צו געזעלשאַפט און צו חברישקייט בכלל, ווייל דיזעלביקע פייגעלע האָט בשום אופן ניט געקאָנט שטימען מיט חיימלס ברידערלעך און שוועסטערלעך, האָט זיך געהאַלטן מיט זיי אין איין קריגעריי.

און צי איז חיימל ניט געוואָרן פייגעלעס ליבע-אָביעקט גראָד צוליב זיין לוסטלאָזיקייט, גראָד צוליב זיין שטענדיקער ניט-קינדערשער קאָנצענטרירטקייט און פאַרטראַכטקייט, גראָד צוליב זיין אויסווייכן יעדע קינדערשע געזעלשאַפט? חיימל איז גע-זונטערהייט געווען אַ קראַנק-יינגל, אַ חבר פון פרץ׳ס „קראַנקען יינגל״.

נאָר בשעת חיימל איז מיט אַן אמת קראַנק געוואָרן, האָט זיך פייגעלעס ליבע באַזונדערס שטאַרק אַרויסגעוויזן.

„אויף די שפיץ-פינגער פלעגט זי זיך צו אים צוגנבענען, און זי האָט אויף זיינע פאַרמאַכטע, איינגעפאַלענע אויגן, אין וועלכע ס׳האָבן צוויי געדיכטע, קיילעכדיקע, קליינינקע שאָטנדלעך גערוט, געזען אַזעלכעס, וואָס קיינער האָט ניט געזען״....

און ווען חיימל טוט אויף איר אַ קוק, ווערט זי אַזוי פריי-לעך, „דאָס איז געווען עפעס אַ מין אומעטיק-טרויעריקע פריי-לעכקייט, וועלכע איז אַ סך שרעקלעכער פונם טרויער אַליין״.

און ווי אומנאַטירלעך איז חיימלס געזעגענען זיך מיט פייגעלען!

— ווייסט, פייגעלע, איך וועל שטאַרבן...

... וועסט וויינען נאָך מיר? —

און אויף דער אומנאַטירלעכער פראַגע פון חיימלען האָט פייגעלע טאַקע געגעבן אַ אומגעוויינלעכן ענטפער, דורך איר ניט קינדערשן רעאַגירן אויף זיין טויט: זי האָט ניט געוויינט...

... דערהערנדיק ביינאַכט אַ פלוצלונגען געוויין, שפרינגט זי אַראָפּ פון בעטל און דערזעט דאָס גאַנצע טרויער-בילד. „זי קאָן אָבער ניט וויינען״.

ווי קומט צו אַ קינד פון 8—9 יאָר אַזאַ איוב-צער, וואָס

ברענגט צו פאַרשטיינערונג ?! — און נאָך מער בולט טרעט אַרויס פייגעלעס אומגעוויינלעכע, ריכטיקער: אומנאָרמאַלע ליבע צו חיימלען נאָך זיין טויט.

ס'פאַרשווינדט ביי איר די מורא פאַר מתים, פאַרן „הייליקן אָרט": דאָרטן ליגט דאָך איר חיימל...

זי פאַרלירט יעדן אינטערעס פאַרן אַרומיקן לעבן, זי לעבט נאָר מיט חיימלען. דער חלום איז פאַר איר אַ פאָרזעצונג פון איר פאַרחלומטן וואָר. אומעטום זעט זי נאָר חיימלען און הערט נאָר חיימלס לעצטע געזעגענונגס־ווערטער:

— ווייסט, פייגעלע, איך וועל שטאַרבן...

און ווען די עלטערן זיינען געוואָרן באַאומרואיקט פון איר צושטאַנד, ווענדן זיך צו „גוטע יידן" צו „שפּרעכער" נאָך עצות, האָט זיך איר צוגעבונדנקייט צו חיימלען נאָך פאַרפילפאַכט.

„יענע וועלט" איז איר איינציקע וועלט געוואָרן, זי האָט אָנגעהויבן האַלוציגאַציעס צו זען.

צי איז ראָזענפעלדס „פייגעלע" ניט קיין איבערחזרונג (גיכער פאַרקערט) פון אַן—סקיס „דבוק", לויטן עצם סיוזשעט און לויט די סימוואָלישע כּוונות, וואָס זיינען דאָ פאַרבאַהאַלטן? יאָ, פייגעלעס ליבע, ווי אויך שימעקס אָדער ראובן־בנימינס א. א., איז אָן ספק אַ אויסגעשפּראָכענע דערשיינונג פון דעפעקטיוויטעט, פון אומנאָרמאַלקייט. דאָס איז אַ „דבוק", וועלכן קיין מיראָפּאָלער וועט ניט זיין ביכולת אַרויסצוטרייבן...

נאָך מער דערמאָנט דעם „דבוק" ראָזענפעלדס אַן אַנדער דערציילונג פון זעלביקן מין—„רייזעלע". רייזעלע איז, אייגנטלעך, אַ שינוי־השם פון חיימלען (דאָ הייסט ער אַנדערש). „זי איז געהרגעט געוואָרן, אַראָפּפאַלנדיק פון אַ הויכן באַרג", און חיימל לעבט נאָך איר טויט איבער דאָסזעלביקע, וואָס פייגעלע (דאָ הייסט זי רייזעלע) האָט איבערגעלעבט נאָך זיין טויט.

„רייזעלע איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן באַרג"—צי איז עס ניט קיין איבערחזרונג פון אַנ—סקיס סימוואָלישן מאָטאָ:

„פון די העכסטע הייכן אין די טיפסטע טיפענישן"?! —

די „העכסטע הויכן" פון אומנאַטירלעכער ליבע זיינען טאַקע

די בעסטע אָנזאָגער פון די „טיפסטע טיפעניש ן“ פון היפערטראָפיע, פון קלאָר אויסגעשפראָכענער דעפעקטיוויטעט!

דער צווייטער סימן פון דעפעקטיוויטעט, וואָס געפינט איר אויסדרוק ניט אין אַ ניטדערגרייכונג צו דער נאָרמע, נאָר אין אַ איבערשטייגונג פון דער נאָרמע, איז ביי דער דערמאָנטער גרופע קינדער־טיפן די היפערטראָפירטע און איבער־געוואַקסענע פאַנטאַזיע.

אויב פאַנטאַזיע איז, כידוע, אַ נאַטירלעכע געוואונטשענע פסיכאָלאָגישע דערשיינונג בכלל, איז זי ביי קינדער פון פריסטן עלטער אַן אָרגאַנישע נייטיקייט, אָן וועלכע זיי קענען זיך פשוט ניט באַגיין.

דער פסיכאָלאָגישער באָדן, וואָס מאַכט די פאַנטאַזיע פאַר אַ מוז־זאַך ביי קליינע קינדער איז דאָס, וואָס זייערע ערשטע יאָרן בכלל זיינען — לויט פרייערס געלונגענעם אויסדרוק — „אַ ריי פון באַקאָנונגען מיטן אַרומיקן פרעמדן לעבן“, אַ ריי פונאָנשטרענ־גונגען, כדי צו באַהערשן די אַלע מניעות, וואָס זיי טרעפן ביי זייערע ערשטע דעביוט־פרובן, אַלס אַקטיווע אָנטיילנעמער פון דער אומבאַקאַנטער געזעלשאַפט.

כדי צו פאַרלייכטערן די שוועריקייטן פון קאַמף, כדי צו באַפרייען זיך פון דער אויפוואונגענער אָפהענגיקייט פון די דער־וואַקסענע, נעמען זיי אונטער עקסקורסיעס אין דער פאַנטאַסטישער וועלט, אין וועלכער יעדער פון זיי איז אַליין דער האַר און טאָנגע־בער, אַפילו דער שעפער.

די דאָזיקע פאַנטאַזיע מוז אָבער האָבן אירע באַשטימטע גרעניצן.

ווי אַזוי קענען בכלל כאַראַקטעריזירט ווערן די גרעניצן פון דער נאָרמאַלער פאַנטאַזיע?

כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, מוז מען, קודם־כל, פעסטשטעלן דעם אָרט פון דעם איליוזיאָניגם אין דער פאַנטאַזיע.

דער איליוזיאָניזם איז ניט נאָר אַ טייל פון דער פאַנטאַזיע, לויט וויליאַם סטערן, נאָר איר סגולה. איליוזיע איז דער אָנטייל פון באַוואוסטזיין, פון דעם „אָפהאַלטנדיקן צענטער“, פון דער פע־

איקייט צו קענען איזאָלירן דאָס ווירקלעכע פון פאַנ־טאַסטישן.

דער אילויזיאָניזם האָט זיך זיינע באַשטימטע סטאַדיען פון אַנטוויקלונג: א) אין אָנהייב באַשטייט ער נאָר אין דער רעפראָ־דוצירונג פון די אויפגענומענע עמפּינדונגען (ощущенія) ביי דער מדרגה איז ער פולשטענדיק פּאַסיוו; 2) שפּעטער קומט שוין אַ באַשטימטע אַקטיוויטעט, וואָס באַשטייט אין פּאַראַלגע־מיינונג פון די אויפגענומענע עמפינדונגען און ג) נאָך שפּעטער באַפרייט ער זיך אינגאַנצן פון דער ווירקונג מצד די חושים, וואָס האָבן אַ שייכות צו די אויפגענומענע עמפינדונגען, און דאַן איז דער אַפּאָגיי פון דעם אילויזיאָניזם אין זין פון דער העכסטער שאַפערישער אַקטיוויטעט.

(זע: זשאַן־פיליפּ און גיפּאָל־באָנקור, „דערציאונג פון אומ־נאָרמאַלע קינדער" (רוסיש) פּאַרל. „קאָסמאָס", מאָסקווע, 1911).

אַ צו שטאַרקער אילויזיאָניזם, ד. ה. ווען ער הייבט זיך אָן תיכף פון דער דריטער סטאַדיע, איז שוין אַ פּאַטאָלאָגישע דערשיינונג.

און ביי די דערמאָנטע קינדער־טיפּן אין אונזער ליטעראַטור הייבט זיך טאַקע אָן דער אילוזיאָניזם פון דער דריטער מדרגה!

צי נעמט זיך, למשל, די פאַנטאַזיע פון שלום־עליכמס שימעקן פון וואָס עס איז ניט פאַר אַ באַשטימטע עמפינדונ־גען? נאָך מער: צי שעפּט זי, לכל הפּחות, איר שאַפונגסקראַפט פון וואָס עס איז ניט פאַר אַן אַנאַלאָגיע מיט אויפגענומענע פאַקטישע עמפינדונגען? (די אַנאַלאָגיע איז, לויט סטערן, די פסיכאָלאָגישע סיבה פון דער כאַראַקטעריסטישער זאָרגלאָזיקייט און מיכלומרשטער ניט־דיסציפּלינירטקייט פון דער קינדערשער פאַנטאַזיע).

צו איז פאַראַן וואָס עס איז ניט פאַר אַ רעאַלער באָדן אין זיין באַהויפּטונג:

„די גאַנצע וועלט באַקומט ביי מיר גאָר אַן אַנדער פּנים. די קלעצער, וואָס ליגן ביי דער שטוב, זיינען טענענביימער און באָקסנביימער, וואָס ווערן דערמאָנט אין „שיר השירים", די קאַץ,

וואָס ליגט ביי דער טיר און וואַרימט זיך אויף דער זון, איז פון די פעלד־אינדן. פון די „אילות השדה", דער באַרג, וואָס אויף יענער זייט שול, דאָס איז דער לבנון, די ווייבער און מיידלעך, וואָס שטייען אין דרויסן און וואַשן זיך און פרעסן און כשרן אויף פסח, דאָס זיינען די „טעכטער פון ירושלים"...

צי האָט שימעק געהאַט אַ פּאַקטישע פאָרשטעלונג וועגן די אַלע שיר־השירימדיקע זאַכן, כּדי ער זאָל זיי קענען רעפּראָדוצירן אויפן סמך פון אַן אַנאַלאָגיע, אויף דעמזעלביקן סמך, לאָמיר זאָגן, ווי אַ קינד שאַפט זיך אַ פאָרשטעלונג וועגן אַ ניט־געזעענעם ים פון דער געזעענער אָזערע?

דאָס איז, אָן ספק, שוין אַ פאַנטאַזיע פון אַזאַ ריכטונג, אויף וועלכע ריבאָ זאָגט, אַז זי קומט פון קרענקלעכקייט און ברענגט דעם קינד צו דעם, ער זאָל ווערן „לא מעלמא הדין", ער זאָל ווערן אַ „למך אויף ד ע ר וועלט" — ווי מענדעלע כאַראַקטעריזירט זיין שלמהלען. און דידאָזיקע אָפּגעריסנקייט פון ווירקלעכן און די נטיה צו סינאָנירן דאָס לעצטע בלויז מיט בילדער פון דער ווייטער—ווייטער פאַרגאַנגענהייט איז דאָך אַ כּ ל ל־זאַך פאַרן יידישן קינד פון דער אַלט־טראַדיציאָנעלער יידישער סביבה.

דאָס קינד פון „סוכּה" (ביי שלום־עליכמען) זעט אין זיין מאַמען (די ליבע גופא פון די קינדער צו זייער מוטער איז דאָך אַ אומנאָרמאַל־איבערטריבענע) גאָר „אַ אסתּר המלכּה", גאָר אַ „מלכּת שבא".

נחום רויזעווער ווירקט אַזוי שטאַרק אויף שלמהלען (שלמה רב חיימס), אַז ער, שלמהלע, לעבט איינגאַנצן מיט ארץ־ישראל, פּונקט, ווי זיין חבר פון שלום־עליכמס „אורח".

שאול טשערניכאָווסקיס „נחמוני־טפשוני" פאַרגייט אַזוי ווייט אין זיין פאַנטאַזיע, אַז בלויז דער זונען־אונטערגאַנג גיט אים אַ ק ל אָ ר ע פאָרשטעלונג וועגן ירדן, וואָס צעגיסט זיך איבער די ברעגעס א. אַז. וו. און ער לאָזט זיך אפילו צופוס קיין ארץ־ישראל.

„נחמוני־טפשוני" איז, אויף אַזאַ אופן, די פאָרגעשיכטע פון מענדעלעס „בגימין דעם דריטן", און פון אַזאַ אומבאַגרעניצטע

און פאַרקריפּלטע פאַנטאַזיע בכלל וואַקסט אומפאַרמיידלעך דער ספּעציפיש־יידישער דאָן־קיכאָטיזם...

אין דער פאַנטאַזיע פון שימעקן, רייזעלען א. אַ. קינדער פון דער גרופּע איז ניטאָ קיין סימן פון „אָפּהאַלטנדיקע צענטערן". די מאַיאָנטקעס ווערן פאַר שימעקן „זיינע" מאַיאָנטקעס, מיט וועלכע ער גרויסט זיך פאַר זיין בוזין, און אין דעם איז פאַראַן פיל מער, ווי דער נאַטירלעכער אייגנטום־געפיל, וואָס ווערט אַנטוויקלט ביי קינדער צו אַ באַשטימטער תקופה. דאָ איז פאַראַן עפּעס אַזעלכעס, וואָס דערמאָנט האַלוצינאַציע, וואָס ברענגט צום גלויבן אין די אייגענע אילוזיעס.

אויב מאַהאָמעטס קראַנקהייט האָט זיך, צווישן אַנדערע, אויסגעדריקט אין דעם, וואָס ער האָט אַליין געגלויבט אין זיינע „זעאונגען" בשעת זיינע עפּילעפּטישע אָנפאַלן, איז אין דעם גלויבן פון שימעקן און זיינע חברים דאָ, אַלנפאַלס, אַ אָנהויב פון „מאַהאָמעטס קראַנקהייט.

און וואָס איז דער נאָענסטער פּועל־יוצא פון אַזאַ פאַר־שאַרפטער עמפּפינדלעכקייט און היפּערטראָפירטער פאַנטאַזיע?

קודם־כל, דער ניט־קינדערשער עקסטאַז, וואָס מיר טרעפן באַזונדערס שאַרף ביי פּרצס „קראַנקן־יינגל", זיין איבערטריבע־נער אַלטרואיזם.

דער אַלטרואיזם ווייזט זיך אַזוי בולט אַרויס ביי דער מעשה מיטן צענערל, ווען ער, דאָס זעקס־יאָריקע קינד, וואָס דאַרף לויט די נאַטירלעכע פּסיכישע געזעצן פון זיין עלטער, זיך גראָד אויסצייכענען מיט אַכזריות, ווערט באַצויבערט פון „מתן־בסתר" און ראַטעוועט אַזוי אומנאַטירלעך־קונציק אַרויס דאָס אָרימע מיידעלע, וואָס האָט פאַרלאָרן איר צענערל... און רעדט ער מיט אַזאַ אמת־רירנדיקע, אָבער אומנאַטירלעכע התפּעלות וועגן זייער הויכן און שטאָלצן קלויסטער און וועגן אונזער אָרימער און נידעריקער שול (ווי קומט צו אַ קינד אַזאַ קלאַ־סיפיקאַציע אויף „אונזער" און „זייער"?), צי גיט דאָס ניט דאָס רעכט פּרצן אים אָנצורופן „קראַנקער יינגל"?!

... „איך וויל, זי (די שול) זאָל אויך זיין הויך, זי זאָל

אויך שפּאַרן אין הימל אַריין, און זי מוז זיין העכער, ווייל זי שטייט נידעריקער" — זאָגט „דאָס קראַנקע יינגל" אין זיין מאָנאָלאָג.

און מיר קענען זיך באַנוצן טאַקע מיט די ווערטער פון דעמדאָזיקן מאָנאָלאָג:

וואָס העכער ס'איז דער עקסטאַז פון זעקס־יאָריקן יינגל, אַלץ נידעריקער איז זיין נאָרמאַלקייט.

„דאָס קראַנקע יינגל" פאַרענדיקט זיין התפּעלותדיקע טיראַדע מיט די ווערטער: „אָ, מאַמעשי, ווען איך וואָלט געווען רייך!", און מיר זעען אין אים שוין אַ אָנזאָג פון אַ שפּעטערדיקן „ווען איך בין ראָטשילד", ד. ה. פון זיין שפּעטערדיקער ניט־צוגעפּאַסטקייט צוםווירקלעכן ערדישן לעבן...

די צו שטאַרקע עמפּינדלעכקייט און אַלטרואיזם, די צו גע־פליגלטע, גרעניצלאָזע פאַנטאַזיע, די קאָנצענטרירקייט און פּרי־צייטיקע פאַרטיפונג אין זיך, וואָס ברענגט אָפט צום מ'זאַנטראָפּישן ביי דעם מיט ליבע איבערפילטן קינד, די צושטרייטקייט, וואָס איז, אפשר, די שטאַרקסטע פאָרם פון אויפמערקזאַמקייט (צע־שטרייטקייט און אויפמערקזאַמקייט זיינען דאָך, פּסיכאָלאָגיש גענומען, ניט קיין אויסשליסנדיקע, נאָר, פאַרקערט, איינע די אַנדערע דערגאַנצנדיקע און פאַרשטאַרקנדיקע באַגריפן) — דאָס זיינען די סימנים, וואָס כאַראַקטעריזירן די דעפעקטיוויטעטן פון אַ גאַנצע גאַלערייע קינדער־טיפּן אין דער יידישער ליטעראַטור.

ס'איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די סביבה, אַלס אַזעלכע, דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס יסוד פון די איינצלנע שוין אויס־געפאָרמירטע אָדער זיך נאָר פאָרמירנדיקע דעפעקטיוויטעטן פון דער באַהאַנדלטער קינדער־גרופּע.

אויב די סביבה איז ניט די איינציקע און אויסשליסלעכע סיבה, איז זי אָבער אַלנפאַלס די הויפּט־סיבה פון עצם דעפעק־טיוויזירונגס־פּראָצעס, וועלכן מיר מערקן ביי דידאָזיקע קינדער.

די באַהאַנדלטע קינדער־טיפּן זיינען סוביעקטן פון אַ באַ־שטימטער ריי אָביעקטיווע דערציִאונגס־באַדינגונגען, און די סוביעקטיווע אַנאָמאַליען ביי די קינדער זיינען ממילא גלייכצייטי־

אָביעקטיווע אַנאָמאַליען פון דער סביבה. און אַז ס׳איז בכלל פאַראַן אַ אומבאַדינגטע קעגנזייטיקע שייכות צווישן דער סביבה און די דעפעקטיוויטעטן, איז, לכל־הדעות, אַ אומצווייפלדיקער אמת.

ס׳גייט נאָר אין דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע אַ פלוגתּא וועגן דער גרייס פון דערדאָזיקער שייכות און וועגן דער פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרהעלטניש.

רוסאָ, למשל, האַלט, אַז דער ווירקונג פון דער סביבה געהערט די אויסשליסלעכע און איינציקע ראָל סיי אין זין פון נאָרמאַליזירן, סיי אין זין פון דעפעקטיוויזירן דעם קינדס פּסיכיק. ס׳איז דאָך באַקאַנט זיין פּאַטעטישער אויסרוף: „ווי הערלעך אַלץ קומט אַרויס פון שעפערס הענט, און ווי קאַליע ס׳ווערט אַלץ אין די הענט פון מענטשן!״ —

אַנדערע, פאַרקערט, געפינען איין, אַז דאָס קינד נעמט ניט אַלץ פון דער סביבה, נאָר ברענגט אויך מיט זיך אין דער סביבה. און פּיליפּ־באָנקור דערגייען אין זייער קעגנזעצלעכער צו רוסאָס באַהויפּטונג דערצו, אַז זיי לייקענען ניט נאָר אין דער נאַטירלעכער פולקומקייט און אידעאַלקייט פון קינד „מתּחילת ברייתו״, נאָר קאָנסטאַטירן פּונקט דאָס פאַרקערטע: אַלע קינדער ברענגען מיט זיך שטענדיק ווייניקער אָדער מער נעגאַטיווע אינערלעכן מהות, זיי ברענגען מיט זיך אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס שלעכטע אינסטינקטן, וועלכע דאַרפן ערשט דורך דער סביבה רעגולירט און נאָרמאַליזירט ווערן. ווען מיר אָבער אויסטיילן די בייפראַגע וועגן דער ריין־פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרהעלטניש צווישן דער סביבה און די דעפעקטיוויטעטן, וועט פאַר אונז קלאָר ווערן דער עצם פאַקט פון אַ באַשטימטן סבה־בונד צווישן די לעצטע.

און עס איז דעריבער ניט גענוג צו באַגרעניצן זיך בלויז מיט דעם פונאַנדערקלייבן פון די אַנאָמאַליען גופא, נאָר מיר מוזן שטענדיק, וועלנדיק אויסמיידן ניט געוואונטשענע איינזייטיקייט, זיך פאַרנעמען אויך מיט אַ סאָציאַלן אַנאַליז. ביי דער דיאַגנאָסטיק פון קינדער־אַנאָמאַליען מוזן מיר אָפּערירן גלייכצייטיק מיט די רעזולטאַטן פוןביידע הויפּט־עלעמענטן פאַר־

דערדאָזיקער דיאַגנאָסטיק, מיט די אַנאָמאַליען, אַלס אַזעלכע, און מיט דער סביבה, פון וועלכער אָדער אין וועלכער זיי האָבּן בּאַקומען זייער אַנטפּלעקונג.

און ס'איז דעריבּער ניט קיין צופאַל, וואָס אין אַלע פּאָרשונגען פון קינדער-דעפעקטיוויטעט פאַרנעמט דער אַנאַליז פון די ריין-סאָציאַלע פאַרהעלטניסן אַ אומבּאַדינגטן אָרט.

(זע, אַלס בּיישפּיל, די דריי כאַראַקטעריסטיקעס פון דעפעקטיווע קינדער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער בּאַוואוסטער רוסישער סאַנאַטאָריע-שול פון דר. קאַשצענקאָ, זאַמלבּוך: „דעפעקטיווע קינדער און די שול“, פאַרלאַג טיכאָמיראָוו, מאָסקווע, 1911. די כאַראַקטעריסטיקעס פאַרנעמען זיך, אַחוץ דער פעסטשטעלונג פון די אַנאָמאַליען פון פּסיכיש-פּעדאַגאָגישן און מעדיציניש-אַנטראָפּאָמעטרישן שטאַנדפּונקט, אויך מיטן אַנאַליז פון די אַנאָמאַליען, וואָס ליגן אין דער סביבה, פון וואַנען די כאַראַקטעריזירטע קינדער זיינען געקומען).

און פונקט אַזאַ צוגאַנג מוזן אויך מיר האָבּן, ווען מיר פאַרנעמען זיך מיט דער פראַגע וועגן דעפעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור.

נאָר דאָ מוז געמאַכט ווערן אַ אונטערשייד צווישן די צוויי אָנגעוויזענע בּאַזונדערע גרופּן פון דער בּאַהאַנדלטער פראַגע, צווישן די איינצלנע דעפעקטיוויטעטן בּיי קינדער (2-טע גרופּע) און דעפעקטיווע קינדער (דריטע גרופּע).

און עס דאַרף גלייך געזאָגט ווערן, אַז אויב לגבּי איין גרופּע (דער צווייטער) איז די ווירקונג פון דער סביבה אַ מוזזאַך, וואָס קאָן אפשר ניט אַזוי לייכט און ניט אינגאַנצן פאָרמולירט ווערן, איז עס אַ סך לייכטער און פיל מער מעגלעך לגבּי דער אַנדער (דריטער) גרופּע.

דער כאַראַקטעריסטישער אונטערשייד צווישן די בּיידע גרופּן איז דאָך דאָס, וואָס אינדערצייט, ווען אין איין גרופּע האָבּן מיר צו טאָן מיט אַ ניטפאַרענדיקטן פּראָצעס, מיט אַ עוואָלוציע פון דעפעקטיווירונג, האָבּן מיר אין דער אַנדער גרופּע צו

טאָן שוין מיט אַ קאָנקרעטן פּועל־יוצא פון אַ פאַרענדיקטן פּראָצעס, פון אַ ענדגילטיקע אויספאָרמירונג.

אין איין גרופּע האָבן מיר צו טאָן מיט דער דינאַמיק, אין דער אַנדער גרופּע שוין מיט דער סטאַטיק פון דער דע־פעקטיווּיטעט.

ביי דינאַמיק קענען מיר זיין צושוויער, קענען מיר אַפילו זיך פאַרנעמען מיט פאַראויסזאָגונגען, מיר קענען אָבער ניט פאַר־מאָגן די נייטיקע קאַטעגאָרישע זיכערקייט און פעסטשטעלן די אמתע ווירקונג פון דער סביבה, אַזאַ קאַטעגאָרישע זיכערקייט קענען מיר אָבער האָבן ביי דער סטאַטיק, ביי דער מדרגה, ווען מיר זיינען ביכולת צו קומען ניט בלויז מיט וואַרשיינלעכע פאָר־אויסזאָגונגען, נאָר שוין מיט אָביעקטיווע קאָנסטאַטירונגען.

די שימעקס, די ראובן־בנימינס, די „קראַנקע יינגלעך", די פייגעלעך און רייזעלעך א. אַ. האַלטן דאָך אין פּראָצעס פון „ווערדן", און מעגן מיר זיין ווי איבערצייגט אין דעם, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן דידאָזיקע קינדער מוזן דערגיין צו דער העכסטער מדרגה פון דעפעקטיווּיטעט, קענען מיר אָבער ניט אָנווייזן, ווען און ווי אַזוי, מיט וואָס פאַר אַ טעמפּ און אין וואָס פאַר אַ מאָס דער דעפעקטיווירונגס־פּראָצעס וועט זיך פאַרענדיקן.

און פון דעם גופא איז שוין געדרונגען, אַז לגבי דידאָזיקע קינדער זיינען מיר אויך ניט ביכולת פּינקטלעך צו פאָרמולירן די גרייס און מאָס פון דער סביבה, אַלס דעפעקטיוויזירנדיקער פאַקטאָר.

קורץ: אויב ביי ערב־דעפעקטיווע קינדער (ווי די, וואָס גייען אריין אין דער צווייטער גרופּע) מוזן מיר זיך פאַרנעמען מיטן אַנאַליז פון דער סביבה, טראָץ דעם, וואָס זי, די סביבה, לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט דיסקאָנטירן, ווערט די נייטיקייט פון פאַרנעמען זיך מיט אַ סאָציאַלן אַנאַליז נאָך גרעסער ביי די שוין אויסגעפאָרמירטע דעפעקטיווע קינדער (וועלכע גייען אַריין אין דער דריטער גרופּע).

און איידער מיר גייען אַריבער צו אינדיווידועלע

כאַראַקטעריסטיקעס פון די שוין אויסגעפּאָרמירטע דעפעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור (י. ל. פּרץ: „אַ ווילדע בריאה", י. ראָזענפעלד „אַ ווילדע בריאה" און ייִנגל פון „איבערגע־שראָקן", אַ רייזענס „רייזעלע", „דער הונט" א. אַ.), קענען מיר זאָגן בדרך כלל, אַז, אַחוץ קליינע אויסנאַמען, געהערן זיי אַלע צו יענעם מין, וואָס דער באַקאַנטער קינדער־פּאַטאָלאָג, דר. דעקראָלי כאַראַקטעריזירט מיטן נאָמען: „פּ אַ ר ד אָ ר בּ ע נ ע ד ו ר ך ד ע ר ס ב י ב ה".

די אַלע קינדער פון דער גרופּע האָבן פריער ניט געהאַט קיינע אַנאָמאַליען אָדער האָבן אַזעלכע געהאַט אין אַזאַ אומבאַ־דייטנדיקער מאָס, וואָס וואָלט זיי געדאַרפט שטעלן אויף די ערשטע, ניט וויכטיקע שטאַפּלען פון דער אַנאָמאַליען־קלאַסיפי־קאַציע; האָט זיך אָבער אַריינגעמישט די סביבה און האָט זיי אַרויסגעפירט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, האָט אין זיי אויסגעקריצט דעם קין־שטעמפּל פון פאַרלאָרענע און האָפנונגס־לאָזע, אויף וועלכע פילים־באָנקור זאָגן, אַז „זייער לעבן איז הויפּט־זעכלעך דאָס לעבן פון געוויקסן און דערביי פּאַראַזיטישע". („פּסיכישע אַנאָמאַליען צווישן קינדער", פּאַרלאַג, „טיכאָמיראָוו", מאָסקווע, 1911, זייטן 18—15).

וועלכער קאָנקרעטער סביבה האָבן די דערמאָנטע קינדער באַזונדערס צו פאַרדאַנקען זייער דעפעקטיוויטעט און אין וואָס באַשטייט די ווירקונג פון דערדאָזיקער סביבה? אין דער סביבה, אין וועלכער דעם יידישן קינד איז מערסטנטייל אויסגעקומען צו לעבן, אין דער סביבה, וואָס האָט, אַלנפאַלס, איר אויסדרוק באַקומען אין אונזער ביזאיצטיקער ליטעראַטור, פאַרנעמט דעם גרעסטן אָרט דאָס קליינע שטעטל מיט איר אויסגעשפּראָכענעם, אָפּגעשלאָסענעם געטאָ־לעבן.

דאָס טראַדיציאָנעל־יידישע קליינע שטעטל האָט ביי אירע אַלע חסרונות אָבער געהאַט באַשטימטע מעלות, וועלכע האָבן געוויסערמאַסן אָפּגעשוואַכט די דעפעקטיוויזירונגס־מעגלעכקייטן. אין קליין שטעטל האָט ניט געקאָנט זיין די היימלאָזיקייט, די

פאַרוואָגלטקייט און דאַכלאָזיקייט, וואָס ברענגט צו דער פאַר־שטאַרקסטער פאָרם פון דעפעקטיוויטעט.

דער טיפ פון גאָרקיס אַ „באָרוועסן“ האָט לחלוטין אָדער כּמעט געפעלט אין אונזער יידישן קליינשטעטל, וואו די געזעל־שאַפטלעכקייט איז, אויף איר שטייגער, געווען גאַנץ פאַרפעסטיקט, וואו די צדקה האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע פאַרשפרייטונג און וואו ס׳זיינען ווייניק קינדער פאַרבליבן אין אַבסאָליוטער אויפזיכטס־לאָזיקייט.

די היימלאָזיקייט האָט אין אונזער לעבן אַריינגעבראַכט שוין די מאָדערנע גרויסשטאָטישע סביבה, די סביבה פון פּרצעס „קעלער־שטוב“, די סביבה פון גרויסשטאָטישן לומפּנפּראָלע־טאַריאַט.

און אַז דער כּרך האָט בכלל אַ גרעסערע דעפעקטיוויזי־רונגס־קראַפט, איז אַן אָנערקענטער אמת. די סטאַטיסטיק, למשל, האָט דערוויזן (ציפערן פון Bonhoffer), אַז די גרעסטע צאָל פון מינדעריעריקע פאַרברעכער (ביז 59% $_0$) גיט די גרויסע שטאָט! (זע דעם אַרטיקל פון דר. קאָשצענקאָ אין אויבנציטירטן זאַמלבוך „דעפעקטיווע קינדער און די שול“).

און דאָס איז פאַרשטענדלעך!

דער כּרך איז דער בעסטער פּלאַץ פאַר די פאַרשאַרפטע קלאַסן־באַציאונגען, פאַר דער דיפערענצירטער ניט גלייכקייט און פאַרשיידנאַרטיקייט פון מאַטעריעלן וואוילשטאַנד. דער כּרך איז דאָך יענער ווינקל פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, צו וועלכן ס׳זיינען אַזוי צוגעפּאַסט פּרוגס ווערטער:

„די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליענדער גאָרטן, פאַר טויזנט אַ שווערער, אַ זומפּיקער וועג“.

אויב אין קליינשטעטל האָט, למשל, דער יידישער יתום, ווער ס׳זאָל זיך פאַר אים זאָרגן און מאַכן אין שול אַ סקאַנדאַל (פּרצעס: „אייזיקל שחט“), פאַרבלייבט ער אין שטאָט אָן זאָרג מצד דער געזעלשאַפט, פאַרוואָרפן ערגעץ צו אַן אַכזריותדיקע און אָרימע (אַכזריותדיק אפשר צוליב דער אָרימקייט) באַזיצערין פון אַ קעלער (פריידל פון פּרצעס „אַ ווילדע בריאה“).

אויב אין קליינשטעטל איז אַ יתום אַרומגערינגלט אָפּט שוין מיט צופיל אויפמערקזאַמקייט מצד דער סביבה, וואָס מאַכט אים, דעם יתום, אַפילו פאַר אַ פריוועלעגירטן („מיר איז גוט, איך בין אַ י ת ו ם"! — שלום עליכמס „מאָטל פייסי דעם חזנס"), מוז ער זיך אין כרך באַקענען מיט די אַלע פראַכטן פון דער בורזשואַזער וואוילטעטיקייט (זע פרצעס. „טאַניאַק"...)

און צי איז פיל בעסער די לאַגע פון די קעלער=קינדער, וואָס האָבן שוין עלטערן?

די גוואַלדיקע נויט, די „מלחמת=הקיום", וואָס איז אין שטאָט ניט אין פאַרגלייך גרעסער און שווערער, ווי אין שטעטל, פאַר=וואַנדלען די קעלער=סביבה אין אַ גיהנום פאַר די קינדער.

אין קעלער האָבן אַבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דבורקה (שלום עליכמס „דריי קעפּלעך") נאָר די נאַסע פיר ווענט פאַר זיך און די שטענדיק=בייזע און שטראָפנדיקע מאַמען. אַ ליכט=שטראַל איז אַזעלטענע דערשיינונג אין זייער „קינדער-צימער". וועגן דער נאַטור, צו וועלכער זיי האָבן אַזאַ נאַטירלעכן און אינסטיקטיוון דראַנג, האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, ניט דעם מינ=דעסטן צוגאַנג. דערמאָנט זיך די ביז טרערן רירנדיקע סצענע, ווי אַזוי זיי, די אָרימע קעלער=קינדער, וואַרפן זיך אַרויף אויף די עטלעכע גרינע שטעקעלעך, וועלכע מ'ברענגט אין קעלער לכבוד שבועות. די גרינע שטעקעלעך זיינען פאַר זיי אַ גרוס פון ווייטער און פרעמדער גרויסער וועלט (וויפל טראַגיזם, וואָס פאַר אַן אָפּ=קלאַנג פון דעפעקטיוויזירנדיקער ווירקונג פילט זיך אין זייער פראַגע: „צי האָט מען די שטעקלעך אין קלייט געקויפט?!—)

און די „דריי קעפּלעך" זיינען טאַקע דיזעלביקע „גרינע שטע=קעלעך", וועלכע מוזן פאַרדאַרט ווערן אין קעלער, וועלכע מוזן פאַרלירן זייער גאַנצע נאַטירלעכע זאַפטיקייט. און ווער ווייס: צי וואַרט ניט אין דער צוקונפט אויף אַבראַמטשיקן דער גורל פון הירש=ביינס „נבלה" (ער איז דאָך אויך אַ „דערצויגלינג" פון זעלביקן קע=לער!), אויף מאָיסייטשיקן דער גורל פון רייזינס „הונט" אָדער פון שלום עליכמס „געצל", און אויף דבורקהן דער גורל פון פרצעס און רייזינס „ווילדע בריאות"?—

אַ זעלטן בולטע אילוסטראַציע צו דער דעפעקטיוויזירנדיקער ווירקונג פון גרויסשטאָטישן קעלער גיט אונז פּרצעס „דער תּענית".

ווי שטאַרק דאַרפן זיין די איבערלעבונגען פון אָרימען קעלער־פּאָטער, וואָס דאַרף די קינדער, אַנשטאָט אַ ביסן ברויט, אונטערטראָגן דעם ווירטואָזן — איינפאַל פון א... תּענית אין מיטן מיטוואָך נאָך מיטן צוועק, צו איינשטילן דעם הונגער פון די געליבטע קינדער?

ווי אומגעהויער שווער ס'דאַרף זיין די פּערמאַנענטע ראָל פון דער קעלער־מאַמען, דער רירנדיק־ליבנדיקער און צאַרטער, ניט פאַרגלייכלעכער יידישער מאַמען, צו פאַרנעמען נאָך די טענות פון אירע הונגעריקע קינדער:

— מאַמע, עסן!

ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט, צו באַפרידיקן זייער פאָדערונג.

און ווי גרויס ס'דאַרף זיין דער ריס אין די נשמהלעך פון די קעלער־קינדער, (און דער ריס איז דאָך גרייט אָנצופילן זיך מיט דער לויערנדיקער דעפעקטיוויטעט), ווען אַ אויפגעצוואונגענער תּענית פון אָרימען טאַטן, וואָס ספּעקולירט באַוואוסטזיניק מיט זייער נאַטירלעכן דראַנג צו לוסט, קאָן זיי ברענגען צו אומבאַשרייבלעכן עקסטאַז?! —

ס'איז ניט נייטיק צו פאַרנעמען זיך מיט מערערע אילוסטראַציעס. די קעלער־שילדערונגען אין דער יידישער ליטעראַטור זיינען דאָך אַלע די שרעקלעכסטע וויי־געשרייען פון אָפּשטאַרבנדיקע לעבנס. און די ערשטע, וואָס ליידן אַממערסטן און אַמשטאַרקסטן פון גרויסשטאָטישן קעלער־גיהנום, זיינען דאָך די קינדער.

כ'בין, פאַרשטייט זיך, ניט געניינט צו קניען זיך פאַר דעם פאַרשוואונדענעם אָדער פאַרשווינדנדיקן יידישן קליינשטעטל, כ'וויל ניט לאָזן פאַלן קיין טרער אויפן אַלט־טראַדיציאָנעלן יידישן לעבנס־שטייגער און אויפן „לעצטן בעל־תּפילה", (מיט די התפעלות־געזעגענונגען און באַדויערונגען אויפן חשבון פון דעם אָפּשטאַרבנדיקן יידישן קליינשטעטל איז דאָך איבערפולט אונזער ליטעראַטור).

מען מוז אָבער קאָנסטאַטירן, אַז לגבי דער דעפעקטיוויזירנ־

דיקער ווירקונג מצד דער סביבה איז דאָס יידישע קליינשטעטל גע־ווען אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיט דער גרויסער שטאָט, אַז גראָד אין דער לעצטער איז פאַראַן דער באָדן פאַר אַ גרעסערער און אָפט שרעקלעכער דעפעקטיוויזירונג.

ווי אַזוי ווייזן אויס די קרבנות פון דעם גרויסשטאָטישן קעלער־לעבן לויט דעם אויסדרוק, וואָס זיי באַקומען אין דער יידישער ליטעראַטור? —

כ׳וועל אָנהייבן פון זייער אויסערלעכן אויסזען.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש און דאַרף בכלל גערעכנט ווערן צום קינסטלערישן גונסטן פון די יידישע שריפטשטעלער, וואָס כמעט אין אַלע זייערע שילדערונגען פון דעפעקטיווע קינדער גיבן זיי אָפּ אַ פּלאַץ דעם אויסערלעכן אויסזען.

ס׳איז בכלל אַ פראַגע, צי איז פאַראַן אַצוזאַמענהאַנג צווישן אויסערלעכן אויסזען און די אינערלעכע אַנאָמאַליען, צי דריקט זיך די דעפעקטיוויטעט אויס שטענדיק אין אַ באַשטימטער אַנאַ־טאָמיש־פיזיאָלאָגישער אָפּווייכונג פון דער נאָרמע.

אַ סך געלערנטע, ובתוכם א. מ. שובערט (זע זיין אַרטיקל: „די באַשטימונג פון אינטעלעקטועלער אָפּגעשטאַנענקייט", אין זאַמלבוך „דעפעקטיווע קינדער און די שול") ענטפערן אויף דער פראַגע נעגאַטיוו.

אַלס שטענדיקער כלל קאָן דער דערמאָנטער צוזאַמענ־האַנג טאַקע ניט באַטראַכט ווערן, ס׳טרעפן זיך אָפּט אינדיווידו־אומען, וואָס שטייען זייער נידעריק אין אינטעלעקטועלן זין און וואָס פאַרמאָגן אַ גאַנץ נאָרמאַלן קערפּער־בוי און נאָרמאַלע באַווע־גונגס־פונקציעס, און ס׳טרעפן זיך, פאַרקערט, פסיכיש פולשטענדיק נאָרמאַלע סוביעקטן, וואָס האָבן אויסערלעכע סימנים פון דעגענעראַציע.

און דאָך איז די דערמאָנטע פאַרבינדונג אָפט פאָרט פאַראַן!

לויט דער מיינונג פון ציגען, זיינען טאַקע די אויסערלעכע סימנים ניט קיין שטענדיקער באַוויז פון אינטעלעקטועלער אָפּגעשטאַנענקייט, זיי דינען אָבער אַלס באַווייז פון וואַרשיינ־לעכער אָפּגעשטאַנענקייט.

מיר נעמען פּרצעס „ווילדע בריאה“.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס די באַשרייבונג פון אויסער־לעכן אויסזען פון דער „ווילדער בריאה“ פאַלט זיך כמעט אינ־גאַנצן צונויף מיט די וויסנשאַפטלעכע סימנים פון דעפעקטיווע קינדער אַזוי, אַז מ'וואָלט פּשוט געקאָנט נומערירן די אויסערלעכע סימנים לויט פּרצעס באַשרייבונג און פאַרגלייכן יעדן באַזונדער מיט דער רשימה פון בענע־סימאָן, ווייגאַנדט, ראָסאָ לימא, ציגען א. אַ.

די כאַראַקטעריסטישע אָפּווייכונגען פון נאָרמאַלן קערפּער־בוי ביי דער „ווילדער בריאה“ זיינען פאָלגנדיקע:

צו גרויסע דיקייט, אויפגעלאָפענער בייכל, איינגעפאַלענע ברוסט (ביי ראָסאָלימאָ רעדט זיך וועגן אַסימעטריע), דאָס קעפּל קליין, (ביי ראָסאָלימאָ רעדט זיך וועגן קלענערע דיאַמעטערס פון קאָפּ).

סימנים פון פיזיאָלאָגישן כאַראַקטער:

„דאָס אויסזען בייט זיך ביי איר (ביי דער „ווילדער בריה“) אַלע מינוט: נאָך אַ קינדישליכטיקן שמייכל לייגט זיך אויפן אַלטן פּנים אַ טיפער קנייטש, טיילמאָל פאַרקרימען זיך די ליפּן און די אויגן ברענען אומהיימלעך“. די אַלע סימנים אַנטשפּרעכן דער וויסנשאַפטלעכער אָנווייזונג וועגן אַ אומאָרדנונג אין דער ספערע פון ווילקירלעכע באַוועגונגען און רעפלעקסן ביי דעפעקטיווע קינדער.

און אָט האָבן מיר די אויסערלעכע סימנים פון אַן אַנדער דעפעק־טיוון קינד, פון שלום־עליכמס „געצל“. געצל איז ניט פון קיין בידעריקן וואוקס ווי די „ווילדע בריאה“, נאָר „אַ דערוואַקסענער (איבערגעוואַקסענער), לעפּעשעוואַטער בחורל, (לגבי דעם וויסנ־שאַפטלעכן תנאַי פון אַסימעטריע אין קערפּער־בוי ביי דעפעקטיווע קינדער איז דאָס קיין נפקא־מינא ניט) מיט מגושמדיקע גראָבע הענט (לויט שובערטס אָנווייזונג זיינען פאַר דער אַסימעטריע באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש די הענט!) מיט מגושימדיקע גראָבע ליפּן, אַ קול האָט ער ווי פון אַ פאַס (דער קול האָט אַ גרויסע כאַ־ראַקטעריזירנדיקע באַדייטונג פאַר דער דעפעקטיוויטעטן), אַ קאָפּ איז אויף אים אַ גרויסער, ווי אַ באַק־דייזשע (דער אויבנאָנגעווי־זענער כלל וועגן ק ל ע נ ע ר ע דיאַמעטערס פון קאָפּ ביי דעפעקטיווע

קינדער איז ניט קיין שטענדיקער סימן: אָפט דריקט זיך די דעפעקטיוויטעט אויס, ווי בנוגע די אַלע אַנדערע, סיי אַנאַטאָמיש־פיזיאָלאָגישע, סיי פסיכיש־אינטעלעקטועלע אַנאָמאַליען, ניט נאָר אין דער אַראָפּשטייגונג, נאָר דווקא פאַרקערט אין דער איבערשטייגונג פון דער נאָרמע).

כ׳וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך אַ ריי ביישפּילן, פון וועלכע ס׳וואָלט געווען צו זען, ווי עס פאַלן צונויף די סימנים פון אויסערלעכן אויסזען פון די דעפעקטיווע קינדער, לויט זייער באַשרייבונג אין דער יידישער ליטעראַטור און אויך לויט די וויסנשאַפטלעכע כללים פון דער קינדער־פּאַטאָלאָגיע. דער דאָזיקער פאַקט גיט צו די טיפּן פון דעפעקטיווע קינדער אין אונזער ליטעראַטור אַ באַשטימטע אָביעקטיוו־וויסנשאַפטלעכע באַדייטונג.

די אַלע אָנגעוויזענע אַנאָמאַליען פון אַנאַטאָמיש־פיזיאָלאָגישן זין ביי די דעפעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור, דינען אַלס באַווייז פון פסיכיש־אינטעלעקטועלע אַנאָמאַליען.

אין וואָס זשע דריקן זיך די לעצטע אויס? —

דער ערשטער און כאַראַקטעריסטישסטער סימן זייגען די אַנאָמאַליען אין דער ספערע פון כאַראַקטער און ווילן.

מען קאָן אָבער דעם כאַראַקטער און ווילן ניט באַטראַכטן איינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער פסיכישער אַנטוויקלונג פון קינד, ווייל זיי בילדן דאָך ניט קיין זעלבשטענדיקן טייל, נאָר זיינען אַ פּועל־יוצא פון דער גאַנצער אַנטוויקלונג, אַלס אַזעלכער. דער כאַראַקטער דאַרף באַטראַכט ווערן נאָר אַלס אויבנליגנדיקער שיכט — לויט באַנקורס פאָרמולירונג — וועלכער האַלט איין זיין גלייכגעוויכט אַדאַנק דער גאַנצער ריי פון אויבנליגנדיקע שיכטן פון פאַרשיידענע אַנדערע פסיכישע פאַקטאָרן.

דער מהות פון נאָרמאַלן כאַראַקטער דריקט זיך אויס אין דער דיסציפּלינירטקייט פון דענקען און האַנדלען, אין דער אויסגעהאַלטנקייט, באַשטענדיקייט און צוועקמעסיקייט פון טאַט, אין דער פעאיקייט פון זעלבסטבאַהערשונג, אין דער טעטיקייט פון אַזוי גערופענע „אָפּהאַלטנדיקע פסיכישע צענטרען“, אין דעם

אַלעמען, וואָס טראָגט בכלל דעם נאָמען פון „פסיכישער קאָאָרדינירטקייט“.

ניט דאָ איז, פאַרשטייט זיך, דער פּלאַץ צו צערגלידערן די פראַגע און באַטראַכטן איר אין אַלע פרטים און איידעלע ניואַנסן. דאָ דאַרפן נאָר אויסגעטיילט ווערן יענע זייטן פון היפּערטראָפּירטן אָדער אָפּגעשוואַכטן כאַראַקטער, וואָס ווערן אַממערסטן אילוסטרירט ביי די דעפעקטיווע קינדער אין אונזער ליטעראַטור.

און אין דעם זין דאַרפן באַזונדערס דערמאָנט ווערן די קעגנזעצלעכע דערשיינונגען, וועלכע זיינען, אין תוך גענומען, צוויי זייטן פון איין און דערזעלביקער מטבע: די צו לייכטע אימפּולסיווקייט, די אומפעאיקייט זיך צו באַהערשן און צו רעגולירן די אייגענע טאַטן (איבערגעשראָקן ביי ראָזענפעלדן, „טויטער אתרוג“ ביי שלום עליכמען, „קאַריקאַטורן“ ביי יצחק קאַצענעלסאָן, „עכן פון וואַרשע“ ביי פרישמאַנען א. אַנד.) אָדער די צו שווערע אימפּולסיווקייט, די אימפּולסלאָזיקייט, די אומבאַוועגלעכקייט און אינערטישקייט פון די אַפּאַטישע אָדער אַסטעניש קינדער (פּרצעס און ראָזענפעלדס „ווילדע בריאה“, שלום-עליכמס „געצל“, א. רייזינס „רייזעלע“ און „דער הונט“ א. אַ.).

וואָס ס׳איז נוגע דער צו לייכטער אימפּולסיווקייט, ברענגט זי אָפּט צו אַ קרענקלעכן אידעע-פיקס, וועלכער טאָטשעט, ווי טיטוסעס יתוש, אין קאָפּ און פון וועלכן דאָס קינד מיטן אָפּגעשוואַכטן כאַראַקטער, אָן דעם אייגענעם אינערלעכן קאָנטראָל איבער זיינע געדאַנקען און מעשים, קאָן זיך ניט באַפרייען.

אין שלום-עליכמס „טויטן אתרוג“, למשל, קומט דער אידעע-פיקס אַדאַנק דער אויסערלעכער באַאיינפלוסונג. מ׳ברענגט אין שטוב אַריין אַן אתרוג. דאָס קינד, וואָס פאַרמאָגט אַזוי ווייניק אָביעקטן פון פרייד, איז מקבל-פנים די „וויכטיקע געשעעניש“ אין זייער אָרימען לעבן מיט דער נאַטירלעכער צופרידנהייט.

אים וואָלט אָבער קיינמאָל אויפן רעיון ניט געקאָנט קומען

דער געדאַנק וועגן פּיטום פון אתרוג און נאָכמער וועגן דער מעגלעכקייט אָדער נייטיקייט אים אָפּצובייסן.

ס׳קאָן אַפילו זיין, אַז ביי דעם נאַטירלעכן כאַראַקטער פון קינדערשער אויפמערקזאַמקייט, וואָס פאַרמאָגט כּלל ניט די סגולה פון איזאָלאַציע, פון אויסטיילן באַזונדערע איינצלהייטן פון באַאָבאַכטן געגנשטאַנדן (אַ קינד איז דאָך שטענדיק זעענדיק נאָר צום גאַנצן אָבער ניט צו טיילן פון גאַנצן!), וואָלט דער יינגל פון אתרוג דעם פּיטום גאָר ניט באַמערקט.

קומען אָבער די סך-מאָל איבערגעחזרטע באַמערקונגען פון טאַטן וועגן דער וויכטיקייט פון פּיטום, וועגן דער דאָמינירנדיקער באַדייטונג פון פּיטום פאַרן גאַנצן אתרוג, טראָגט זיך אין שטוב אין משך פון טעג נאָר איינאיינציקער וואָרט: פּיטום און פּיטום. — און דאָס מאַכט אַ ווירקונג אויפן קינד, וועלכער פאַרמאָגט נאָך בכלל ניט קיין דיסציפּלינירטן כאַראַקטער און פעאיקייט פון קאָאָרדינירטן ווילן.

און גראָד דער פאַרווער גופא צוצוגיין צום אתרוג ברענגט אַ גוואַלדיקן דראַנג צום פאַרווערטן. „דאָס פאַרווערטע איז זיס״—איז אַ פאָלקסטימלעכער כּלל, וואָס ציט זיין יניקה פון אַ אומצווייפלדיקן פּסיכאָלאָגישן אמת.

און דער עצם איסור צוצוגיין צום אתרוג, צוצורירן זיך צו אים און נאָכמער — אָפּצורייסן דעם פּיטום, ברענגט דעם יינגל פון „אתרוג״ צו זיין שפּעטערדיקן פאַרברעכן (ער בייסט אָפּ דעם פּיטום און „טויט אָפּ״ דערביי דעם אתרוג).

די איבערלעבונגען פון יינגל, וואָס פאַלט אַ קרבן פון דעם באַאיינפלוסטן קרענקלעכן אידעע-פיקס, זייגען ביי שלום-עליכמען איבערגעגעבן געוואָרן מיט אַ זעלטענער מייסטערהאַפטיקייט פון אַ ערשט-קלאַסיקן פּסיכאָלאָג. דאָס וואַקלעניש פון קינד פאַר זיין באַגיין דעם פאַרברעכן, דער קאַמף צווישן „יצר-טוב״ און „יצר-הרע״, ווען ער האַלט שוין דעם אתרוג אין די ציטערנדיקע הענט, די אינערלעכע שטאַרקע קאָנפליקטן צווישן „אָפּהאַלטנדיקן צענטער״ און שטאַרקערן, ממש פאַטאַלן, דראַנג צום פאַרווערטן שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ס׳איז פאַרווערט — דאָס אַלעס איז

ביי שלום-עליכמען איבערגעגעבן מיט אַזאַ אינטואיטיוו-פּסיכאָלאָגי-שער פּינקטלעכקייט, צו וועלכער דער בעסטער פּסיכאָ-פּאַטאָלאָג וואָלט גאָרניט געקאָנט מוסיף זיין!

דיזעלביקע ווירקונג פון אויסערלעכער באַאיינפלוס-קראַפט אויף דעם עצם אַנטשטיין פון דעם קרענקלעכן אידעע-פיקס זעען מיר אין קאַצענעלסאָנס „קאַריקאַטורן“. דער לערער, אגב דער פיינטלעכער און שלעכטער, לערער האָט, אַחוץ זיין געוויינלע-כער האַנט צום שטעלן שלעכטע און אומגערעכטע „באַלן“ די תלמידים, נאָך אַ אומגעווייינלעך-גרויסן נאָז.

וואָלט דער ייִנגל די אומגעוויינלעכקייט פון לערערס נאָז אפשר גאָרניט באַמערקט (די אומגעוויינלעכקייט גופא איז דאָך שטארק איבערטריבן אונטערן דרוק פון אידעע-פיקס), וואָלט ער אויף איר אפשר קיין באַזונדער אַכט ניט געלייגט.

דערהערט ער אָבער אַמאָל אַ צופעליקע פראַזע (איינע פון די אומציייליק צופעליקע קינדערשע פראַזן) וועגן דעם, אַז ס'וואָלט זיך געלייִנט דעם לערער בתורת שטראָף אַ שנעל צו טאָן אין זיין אומגעוויינלעכן נאָז, און ס'דאַרף שוין לאַנג ניט דויערן, אַז דער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט זאָל פאַרן קינד ווערן אַ געדאַנק וועגן נייטיקייט, אַז ער זאָל ווערן אַ אידעע-פיקס, פון וועלכן ס'איז זיך שווער צו באַפרייען.

און דעם לערערס נאָז אַסאָציאירט זיך שוין ביים קינד מיטן לערערס האַנט, און דער נאָז ווערט ניט ווילנדיק דער מיטל פאַר דער לאַנג רייף געוואָרענעם נקמה-געפיל:

דער נאָז מוז ליידן פאַר די חטאים פון לערערס האַנט! —
און וואָס איז דער סוף?

דער ייִנגל פון די קאַריקאַטורן פירט אויס דעם באַפעל פון זיין אידעע-פיקס, פונקט ווי דער ייִנגל פון „אתרוג“, ער טוט דעם לערער אַ שנעל אין נאָז און — ווערט אַרויסגעיאָגט פון שול מיט אַ „וואָלפישן בילעט“.

די קראַפט פון דעם קרענקלעכן אידעע-פיקס זעען מיר אויך גענוג שטאַרק ביי פרישמאַנס „עכן פון וואַרשע“.

דער בליק פון אַ הונגעריקן קעלער-קינד, וואָס פאַרבלייבט

גאַנצע לאַנגע טעג אַליין אין קעלער, אָן אויפזיכט מצד די עלטערן און מצד וועמען ס׳איז ניט, פאַלט אַמאָל צופעליק אויפן הענגענדיקן „עירוב“. ס׳גנבעט זיך ניטווילנדיק אַריין אַ געדאַנק אין אָפּגעשוואַכטן פון הונגער, איינזאַמקייט און לאַנגע ליידן, מוח וועגן דעם, אַז דער עירוב וואָלט געקאָנט שטילן דעם הונגער־ווייטיק.

פריער איז עס איינער פון יענע מיני געדאַנקען־מעטעאָרן, וועלכע בּליצן דורך הונדערטערווייז אין מענטשנס מוח און פאַרשווינדן אַזוי גיך, ווי זיי בּאַווייזן זיך.

גיט אָבּער דער זיך אַלץ שטאַרקנדיקער הונגער פון איין זייט און די בּכלל אָפּגעשוואַכטע אָרגאַניזאַציע פון כאַראַקטער פון דער אַנדער זייט אַ געניגנדיקן בּאָדן פאַר דעם, אַז פון מעטעאָרן־געדאַנק זאָל ווערן אַ אידעע־פיקס.

און דער געוויינלעכער ייִנגל ווערט אַ „פאַרבּרעכער“, אַ „עכן פון וואַרשע“, ער עסט אויף די הייליקע מצה מיט איר גאַנצן שטויבּ, ניט ער עסט איר אויף, נאָר שלינגט איר איין, פילנדיק דערבּיי, אמת, גוואַלדיק שטאַרקע מאָראַלע יסורים, אַ גוואַלדיק־שטאַרקע „געוויסנבּיסע“: דער אידעע־פיקס איז עס אָבּער גובר!—

צו וואָס דער קרענקלעכער אידעע־פיקס בּיי דעפעקטיווע קינדער מיט אַ אָפּגעשוואַכטן כּוח הרצון קאָן בּרענגען, זעען מיר אין ראָזענפעלדס שוין כּמעט קרימינאַל־נאָוועלע „איבּערגעשראָקן“.

דער ייִנגל פון דער דערמאָנטער נאָוועלע איז בּכלל אַ פאַרשטייער פון יענעם פאַרשפּרייטן מין דעפעקטיווע קינדער, וואָס ליידן אויף אומנאַטירלעכער, כּמעט איינגעבּוירענער מורא (אויף דעם מין שטעלן זיך אויספירלעך אָפּ שולטצע, ראָסאָלימאָ א. אַ.).

די אָנגעוויזענע אומנאַטירלעכע מורא בּיי דעם ייִנגל פון „איבּערגעשראָקן“ איז זיכער געקומען ניט פּלוצלונג, נאָר האָט אַלס איר הויפּט־יסוד יענע שרעקלעכע „דערציאונג“ אין דער קעלער־סביבה, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַזויפיל דערנידערונג און בּאַליידיקונג, אַזויפיל מאָראַלישע און פיזישע פּיין פאַר אירע „דערצויגלינגען“.

אין דער נאָוועלע גופא זעען מיר אָבּער ניט די ע ו ו אָ ל ו־

ציע פון דער מורא, די בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג פון דעם אידעע־פיקס, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן לעבן פון יינגל. אין דער נאָוועלע טרעפן מיר שוין די מורא, אַלס אַ פאַרטיקן, איינגעגעסענעם און שוין ניט פאַרריכטבאַרן פסיכישן דעפעקט.

פון סוף אַכטן לעבנס־יאָר טרעפן מיר אים שוין אַרומגייענדיק פאַרזאָרגט און קאָנצענטרירט, מיט אַ ערנסטן פנים, וואָס מאַכט אים עלטער אויף עטלעכע יאָר, אָן אַ שמייכל אויף זיינע ליפן, אָן אַ פונק האָפענונג און באַגייסטערונג אין זיינע אויגן.

דער איינציקער געדאַנק, וואָס עגבערט אין זיין מוח און דערלאָזט אים ניט צו צושטרייטן זיך, צו אָפּציען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף עפעס אַנדערש, איז די אָנערקענונג, דער בלינדער גלויבן אין דעם, אַז „ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ שלעכטער שעה און מיט אַ פינסטערן מזל".

וואָלט זיך זיין ווייטערדיקער לעבן געענדערט צום בעסערן, וואָלט אפשר אויך זיין אידעע־פיקס אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איז אָבער זיין גאַנץ שפעטערדיקער לעבן געגאַנגען אַזוי, אַז די מורא און דערשלאָגנקייט, דער בלינדער גלויבן אין זיין מיכלומרשט פאַטאַלן גורל האָבן זיך, פאַרקערט, נאָך געמוזט פילפאַכיק פאַרשטאַרקן. עס הויבט זיך ביי אים אָן יענער מאַרטיראָלאָג פון אַ יידישן לערניינגל (וואָס איז באַשריבן אויך ביי מענדעלען, שלום־עליכמען און אַנדערע), די שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע מצד די מייסטערס, די גאַנצע ריי פון איבערוואַנדערונגען פון שניידער צום סטאָלער, פון סטאָלער צום פאַבריקמאַכער (אַ ספּעציעל יידישע אויסטייטשונג צו דער אַזוי גערופענער באַרופס־פּראָבלעם!) און דאָס אַלץ קאָן ניט, פאַרשטייט זיך, ניט ווירקן אין זין פון פאַרשטאַרקן דעם קרענקלעכן אידעע־פיקס!

עס אַרבעט זיך ביי אים אויס אַ פּאַסיוויטעט צו די אַלע ליידן, מיט וועלכע ס'איז אָנגעפילט זיין לעבן. ער רעאַגירט ניט אויף זיי מיט אומצופרידנקייט, מיט פּראָטעסט, אַדרבא: ער איז „מקבל באהבה" אַלע יסורים, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען אַ נאַטירלעכע זאַך.

זיין אידעע־פיקס וועגן דעם, אַז ער „איז געבאָרן אין

אַ פינסטערער שעה״, איז אַ פאַרענטפערונג פאַר אַלע יסורים און צרות, וועלכע אים קומט אויס צו ליידן אין אַזאַ גרויסער מאָס.

ער ווערט אַלץ מער אָפּגעלאָזן, אומעטיק, דערשלאָגן. און וואָלט אים ניט אויסגעקומען צו פאַרענדיקן זיין „טורנע״ איבער די פאַרשיידענע ווערקשטאַטן גראַד מיטן פאַריקמאַכער, וועלכער האָט געגעבן אַ גרעסערן שטאָף זיין אידעע־פיקס, וואָלט פון אים אפשר אַרויסגעקומען אַ לייכט אָפּגעשטאַנענער טיפ, אַ טיפּ, וועלכער ווערט כאַראַקטעריזירט אין דער פסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע פון קינד אלס „שוואַכזיניקער אין פינקטלעכן זין״ (ווייניק טעטיק, אָפּגעשוואַכטער ווילן, ניט פעאיקייט צו רעאַגירן א. אַ. וו. זע ביי א. מ. שובערטן), וואָלט פון אים אפשר אַרויסגעקומען אַ „באָנטשע שווייג״ מיט זיין דעפעקטיוו־באָנטשע־שווייגישער אויסטייטשונג פון „ניט קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס״.

אַזאַ טיפּ קאָן, אמת, אין לעבן ניט זיין געווען אַקטיוו, מוז פאַרבלייבן אין הינטערגרונט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ער קאָן אָבער ניט דערגיין צו דער מדרגה פון פולשטענדיקער דעפעקטיוויטעט, צו וועלכער ס׳איז דערגאַנגען דער ייִנגל פון „איבערגעשראָקן״.

גראָד צוליב דעם, וואָס ער איז אַריינגעפאַלן צום פאַריקמאַכער, גראָד צוליב דעם, וואָס אים איז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיט שאַרפע און בלאַנקע גאָלמעטערס, מיט אָביעקטן פון זייער מעגלעכער סכנה, גראָד דאָס האָט געמוזט געבן דער פון פריער איינגעזעסענער מורא אַ שנעלערע ריכטונג.

ער קוקט גאַנצע טעג אין די שפיגלען, ער זעט זיך אַליין מיטן שאַרפן מעסער אין האַנט, און ס׳באַקומט אַלץ מער שטאָף פאַר זיך יענער פּאַטאַלער „אומבאַקאַנטער״, וואָס רעדט אים שטענדיק וועגן לויערנדיקע סכנות, וועגן זיין פאָראויסבאַשטימטן „ביטערן מזל״.

אים רעגט אויף די רואיקייט פון די קליענטן, וואָס שטרעקן זייערע העלזער פאַר זיין מעסער.

און ער טרעט אַריין אין אַ פאַזע פון אמתן וואַנזין.

אים איז ניט געווען, וואָס ער שרעקט זיך אַליין: ער באַקומט אַ מאָדנע תשוקה אָפּצושרעקן אַנדערע.

דאָס איז אָבער כּלל ניט קיין פּועל־יוצא פון אַ נאָרמאַלן פּראָטעסט־דראַנג, פון אַ רצון צו נקמה נעמען, דאָס איז ניט קיין אויסדרוק פון בונטאַרישן און פּראָטעסטאַנטישן, וועלכער זוכט אַ תיקון פאַר זיינע אומגערעכטע ליידן, די תשוקה איבערצושרעקן איז דאָ אַ ריינע אַנטפּלעקונג פון וואַנזין, אין וועלכן ס׳פעלט לאָגיק און אַ פאַרבינדונג מיט וועלכער ס׳איז ניט דענקונגס־אַרבעט.

דאָס איז די תשוקה צו רייצן זיך, צו „טרייבן שפּאַס״, וועלכע מיר טרעפן אַזוי אָפט ביי משוגעים.

און בעסער ווי אַלץ זעט מען עס אַרויס פון דער סצענע, ווען ער גנבעט זיך צו צו דער אַלטיטשקער (וואָס איז פאַר אים אַן אמתע מאַמע געווען) מיט אַן אָנגעשאַרפטן מעסער. ס׳איז פאַראַן אַ סך ענלעכעס צווישן דער סצענע און דעם אָנפאַל פון דאָסטאָיעווסקיס ראַסקאָלניקאָוו: ס׳איז אָבער דיביידע סצענעס בשום־אופן ניט צו פאַרגלייכן מצד זייער ריין־פּסיכאָלאָגישן אונטערבאָדן.

ביי ראַסקאָלניקאָוון איז זיין טאַט געווען אַ רעזולטאַט — אַ גוטער צי אַ שלעכטער — איז אַן אַנדער פראַגע — פון אַ באַשטימטער צוועקמעסיקייט. דידאָזיקע צוועקמעסיקייט פעלט אָבער לחלוטין ביי דעם ייִנגל פון „איבערגעשראָקן״.

און דער נאָמען פון דער נאָוועלע איז גענוג כאַראַקטעריזירנדיק פאַרן גורל פון איר דעפעקטיוון העלד; מיר קענען ניט ניט זיין איבערגעשראָקן פאַר דער צוקונפט, וואָס וואַרט אויף אים.

ווי וועט אים געלינגען אויסצומיידן דעם רעיעסטער פון קרימינעלע פאַרברעכער, וועמענס פאַרברעכנס ס׳זיינען טאַקע אַ רעזולטאַט פון אַ אינערלעכער דעפעקטיוויטעט, פון אַ פאַריאָגנדיקע און פאַרפאָלגנדיקע מאַניע?

ווער קאָן עס וויסן?

איין זאַך איז אָבער קלאָר פאַר אונז:

פאַר דער געזעלשאַפט איז ער, דער ייִנגל פון „איבערגעשראָקן״, געוויס פאַרלאָרן!

אַלס צווייטער כאַראַקטעריסטישער סימן פאַר דעפעקטיוויטעט, נאָך די באַהאַנדלטע אַנאָמאַליען אין דער ספערע פון כאַראַקטער און ווילן מוזן פאַררעכנט ווערן די אָפּווייכונגען אין דער אַנטוויקלונג פון זכּרון.

און פּונקט ווי אַלע בכלל סימנים פון דעפעקטיוויטעט דריקן זיך אויס אין אַ צווייענדיקער פאָרם: אָדער אין אַבסאָלוטן פעלן אָדער אין אַ צוגרויסער אַנטוויקלונג פון דער אַנטשפּרעכנדיקער פּסיכיש-פיזיאָלאָגישער נטיה אָדער אייגנשאַפט, אַזוי איז אויך בנוגע די אָפּווייכונגען אין דער אַנטוויקלונג פון זכּרון.

דער זכּרון קאָן דאָך בכלל, לויט דער ריכטיקער אָנווייזונג פון אַלפרעד בינע, ניט באַטראַכט ווערן אַלס זעלבסשטענדיקער און באַזונדער שטייענדיקער סימן פון אינטעלעקטועלן הויך. ער פילט אויס נאָר אַ באַדינונגס-ראָל, ער פאַרלייכטערט און פאַרמעגלעכערט די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון מענטשן און די דערהויבונג אין אינטעלעקטועלן זין. און אויב אפילו ביי אַ גענויער אויספאָרשונג וואָלטן מיר געמוזט אויסגעפינען אַ באַשטימטע פּראָפּאָרציאָנעלקייט צווישן זכּרון און אינטעלעקט, איז עס ניט דערפאַר, ווייל דער זכּרון איז דער איינציקער און אפילו עיקרדיקער פאַרבאַדינג פאַרן אינטעלעקט, נאָר איז בלויז אַ מיטל, וואָס פאַראורזאַכט ניט די עצם אַנטשטייאונג פון אינטעלעקט, נאָר פאַרלייכטערט בלויז זיין אַנטוויקלונג, פאַרשנעלערט בלויז דעם טעמפּאָ פון זיין נאַטירלעכן גאַנג.

אַן אַנדער פּסיכאָלאָג באַנוצט זיך ביי דער אָפּשאַצונג פון דעם ווערט, וואָס דער זכּרון האָט לגבי דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, מיט אַ זייער געלונגענעם, בילדערישן ביישפּיל:

דער אינטעלעקט איז געגליכן צו דעם מילשטיין פון אַ וואַסער-מיל. דער מילשטיין וועט מאָלן אויך ביי דער אייגנטליכער און געוויינלעכער באַוועגונג פון די וואַסער. ווען אָבער ס'פאַרמערן זיך די וואַסערן אין טייך צוליב אַ געוויסער אָדער אַנדערע סיבות און ווען די באַוועגונג פון די וואַסערן פאַרשטאַרקט זיך, וועט דער מילשטיין מאָלן גיכער און בעסער. דער זכּרון איז לגבי דעם אינטעלעקט די פאַרשטאַרקטע באַוועגונג פון

די וואַסערן, וואָס אינטענסיפיצירט די אַרבעט פון אינטעלעקט, אָבער פאַראורזאַכט ניט דעם אינטעלעקט.

און אויב דאָס איז אַזוי, דאַן קאָן אונז דער זכרון אינטערעסירן נאָר אויף אַזוי פיל, וויפל ער האָט צו טאָן מיט זיין באַ עכטיקטער אויפגאַבע: *צו פאַרפולקומען, צו פאַרלייכטערן* די אַלגעמיינע אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג.

די יסודות פון דעמדאָזיקן זכרון זיינען, ערשטנס, די *אויפנאַמספעאיקייט פון די חושים* און, צווייטנס, די *אויפמערקזאַמקייט*.

וואָס ס׳איז נוגע דער אויפנאַמספעאיקייט פון די חושים, איז זי אַמאָל ביי דעפעקטיווע קינדער אַזוי אָפגעטעמפט און אָפגעשוואַכט, אַז זיי רעאַגירן ניט אפילו אויף קיינע מוסקולאַטורישע, שוין ניט ריידנדיק וועגן איבערלעך-פסיכישע, רעגונגען — דאַן איז דאָס דעפעקטיווע קינד פאַסיוו, פלעגמאַטיש. אַמאָל אָבער איז די אויפנאַמספעאיקייט פון די חושים אַ *צו הויכע*, אַ צו פאַרשאַרפטע (היפערעסטעזיע), און דאַן איז דאָס קינד אין אַ מצב פון עקזאַלטירטער עמפינדל׳עכקייט און דענערווירטקייט.

און דאָסזעלביקע באַציט זיך אויך אויף דער אויפמערקזאַמקייט. די אויפמערקזאַמקייט שאַפט דעם נייטיקן מאַטעריאַל פאַרן זכרון, פאַרפעסטיקט אים, און איז די אויפמערזאַמקייט אַ אָפגעשוואַכטע, אַ לייכט איבערמידיקע, פאַרמאָגט זי ניט די פעאיקייט צוצופאַסן זיך, צו אַנטפלעקן זיך אין פאָרמען פון אַקטיוויטעט און איניציטיוו, איז אויך ממילא דער זכרון אַ אָפגעשוואַכטער און נידעריקערער פון דער נאָרמע. איז אָבער די אויפמערקזאַמקייט אַ פערמאַנענט-ווירקנדיקער פאַקטאָר, איז זי אַ פיבערהאַפט-אויפגעלעבטע, אַ צופיל-אַקטיווע, קאָן אויך ממילא דער זכרון, דערגרייכן אַ אומגעווייגלעך-הויכע, אַ אומנאַטירלעכער און, ממילא, אַ אומגעזונטער מדרגה (אַזוי זיינען די באַזיצער פון פענאָמענאַלן זכרון, וועלכע מ׳ווייזט דעם עולם, אַלס וואונדערמענטש,ן אָפט, ווי ס׳ווייזט אָן בינע, גראָד פשוט אומנאָרמאַלע מענטשן, דער זכרון פון וועלכע ס׳איז אַריין אויטאָמאַטישער).

און איז דער זכרון בלויז אַ פאַרלייכטערונגס-מיטל פאַר

דער אַלגעמיינער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון איין זייט און שעפּט זיין יניקה פון צוויי אַנדערע פּסיכיש-פיזיאָלאָגישע אייגנשאַפטן, ווי די אויפנאַמספעאיקייטן פון די חושים און די אויפמערקזאַמקייט פון צווייטן זייט, — באַקומען מיר שוין ממילא אַ קריטעריום פאַר דער באַשטימונג פון אַ נאָרמאַלן און אומנאָרמאַלן זכרון.

דער נאָרמאַלער זכרון מוז זיין דער עיקר אַ קאָמבינאַטאָרישער זכרון

ס'איז וויכטיק — ווי ס'ווייזט אָן באָנקור — אין דעם זכרון, אַלס פּסיכיש-דערציערישן פאַקטאָר, ניט דער עצם זכרון, נאָר דער פּראָצעס פון פאַרגעדיינקען, ניט די סטאַטיק, נאָר די דינאַמיק, ניט דער סכום פון פאַרפיקסירטע באַאָבאַכטונגען און אויפנעמונגען, נאָר דער אופן, ווי אַזוי דידאָזיקע באַאָבאַכטונגען און אויפנעמונגען זיינען פאַרפיקסירט געוואָרן.

דער זכרון איז בלויז אַ צושטעלער פאַר די איבעריקע פעאיקייטן פון מענטש.

פאַרמאָגט דער זכרון-באַזיצער די מעגלעכקייט פון אויסוואַל, פון אויסטיילן און איזאָלירן דאָס, וואָס איז נייטיק, וועט זיין זכרון זיין ממילא אַ מעכטיקער שאַפונגס-כוח.

וועט אָבער דער זכרון ניט פאַרמאָגן דידאָזיקע מעגלעכקייט פון אויסוואַל, וועט אים פעלן די קאָמבינאַציאָנס — קראַפט: אַלץ איינס, צי וועט דער זכרון זיין דורכדעם אַ צו קליינער אָדער אַ צו שטאַרקער, אַ צו איינזייטיקער אָדער אַ צו פילזייטיקער — וועט ער ממילא מוזן ווירקן דעפעקטיוויזירנדיק אויפן גאַנצן אינטעלעקט.

און ס'דאַרף דעריבער כלל ניט קלינגען פאַראַדאָקסאַל די באַהויפּטונג פון ריבאָ, אַז דער ערשטער פאָרבאַדינג פון געזונטן נאָרמאַלן זכרון איז גראָד די פעאיקייט צו פאַרגעסן: מ'דאַרף קענען פאַרמאָגן אַ אויסוואַל-קענטעניש—פאַרגעדיינקען איינס און ניט פאַרגעדענקען דאָס אַנדערע און דאָס פאַרגעדענקטע גופא דאַרף מען קענען פאַרגעסן אויף אַ צייט, כדי צו קענען עס דערמאָנען זיך, ווען מ'וועט דאַרפן.

ניט דאָס געדיינקען איז וויכטיק, נאָר דאָס דערמאָנען זיך!

און אויף אַזאַ אופן באַקומען מיר באַ זכרון דעם אָפּט אין פּסיכאָלאָגיע זיך טרעפנדיקן „דבר והפוכו“, וואָס איז, אייגנטלעך, איין און דיזעלביקע דערשיינונג, נאָר פון צוויי באַזונדערע זייטן. „פורה שר של שכחה“ איז גאָרניט קיין קעגנזאַץ, נאָר אַ נאַטירלעכער און צוועקמעסיקער באַגלייטער פון נאָרמאַלן זכרון.

און ביי די דעפעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור טרעפן מיר טאַקע דעם זכרון אין ביידע אָנגעוויזענע ריכטונגען.

ביי פּרצעס „ווילדער בריאה“ איז אינגאַנצן אַטראָפירט דער זכרון.

אמת, די אַטראָפיע פון זכרון איז ניט פאָרגעקומען מיטאַמאָל, ניט פּלוצלונג, נאָר נאָך אַ ריי דרעסירונגען.

געבוירן איז זי, די „ווילדע בריאה“, אַ „שיין קינד“, די ערשטע פּאָר יאָר איז זי גוט געוואַקסן. פריער פלעגן אירע שוואַרצע אייגעלעך זיין זייער רירעוודיק, זי פלעגט ניט נאָר געדיינקען, נאָר — וואָס ס'איז פיל וויכטיקער, וואָס ס'איז, אייגנטלעך, דער בעסטער סימן פאַר אַ נאָרמאַלן זכרון, גוט פאַרגעדיינקען, זי האָט פריער פאַרמאָגט די נייטיקע אויסוואַל-קענטעניש פאַרן זכרון: זי פלעגט לייכט דערקענען די ברוסט, דער מאַמען, דעם טאַטן.

און אפילו שפּעטער, נאָך דעם אומגליק, וואָס האָט איר נאָרמאַל-אָנגעפּאַנגענעם לעבן צעבראָכן און פאַרוואַנדלט איר אין אַ דעפעקטיוו קינד, אין אַ טיפּ פון אַן אַזויגערופענעם „אידיאָט אין אייגנטלעכן זין“ (לויט די סימנים פון בורנעווילס (Bourneville) באַוואוסטער קלאַסיפיקאַציע, נאָכדעם, ווי ס'האָט זיך גענומען אויף איר שיטן, ווי פון אַ שפּע-האָרן, איין צרה נאָך דער צווייטער: דער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן און פאַרלאָזן איר מיט דער מאַמען אָן מיטלען צום לעבן, די מאַמע פלעגט אַוועקגיין פאַרדינען און איבערלאָזן איר אַליין אין דער פאַרשלאָסענער שטוב, די מוטער איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזן איר אינגאַנצן אויף הפקר און אַז. וו. א. אַז. וו.. אפילו דאַן פלעגן ביי איר, דער „ווילדער

בריאה״, ווי ס׳פאַרזיכערט אונז י. ל. פרץ, זיך אָפּט דערוועקן, פון טיפן נעפּל אַרויס, קלאָרע זכרונות פון איר פריערדיקן לעבן, פון איר קורצער פאַרגאַנגענהייט.

פאַרבלייבנדיק איינע אַליין אין דער פאַרשלאָסענער שטוב, ווען „ביים בעט אויף אַ שטיקל לייוונט איז געווען גרייט פאַר איר עפּעס צום עסן: אַ שטיקל ברויט, טיילמאָל אַ בייגל, אַ נעכטיקע געבראָטענע קאַרטאָפליע״, פלעגט זי אין די צער=קאָנוואולסיעס פון אויפגעצוואונגענער איינזאַמקייט אין מיטן די געוואַלדיקע פּראָטעסט=געשרייען קעגן דעם איר אָפּגעטאָנענעם אומרעכט, זיך אָפּט דערמאָנען וועגן פאָטער, ווי אַזוי ער פלעגט זיך מיט איר שפּילן, פלעגט מיט פאַרגעניגן און זעלבסטבאַגייסטערונג איבערחזרן דעם טאַטנס גוט געדיינקטן „מו מו״ און פלעגט דורכדעם אַ ט ר י י ס ט געפינען אין אירע ליירן.

ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ נעגאַטיווע השפּעה די דערמאָנטע אויפגעצוואונגענע איינזאַמקייט האָט געמוזט האָבן אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם דאַמאָלסדיקן שיינעם קינד און שפּעטערדיקער „ווילדער בריאה״. גראָד אין דעם מאָמענט פון פריסטן עלטער, ווען דאָס קינד נייטיקט זיך אַמשטאַרקסטן אין ליבע און צערטלעכקייט, ווען אַ וואַרימע באַציאונג פאַרן קינד איז אַ פשוטע פיזיאָלאָגישע נייטווענדיקייט, גראָד דאַן, ווען זי מוז זיך מיט עמיצן טיילן מיט אירע איינדרוקן פון דער נייער פאַר איר, גרויסער וועלט, ווען זי מוז פאַר עמיצן אַנטוואָפּענען איר אויפגעקליבענע פון די ערשטע און שטאַרקסטע איבערלעבונגען ברויזיקע ענערגיע, גראָד דאַן פאַרבלייבט זי אַ ל יי ן, אַליין מיט איר אייגענעם שאָטן, מיט „דעם שטיקל לייוונט מיט אַ נעכטיקער קאַרטאָפליע״ פאַר איר בעט, אַליין, ווי בערל חאַנטשעס מיטן האַנטפאַס אין ליידיקן בית=מדרש.

שפּעטער אפשר, ווען דער צוגעהויבענער פּראָצעס פון דעפעקטיריזירונג וועט שוין זיין פאַרענדיקט, ווען זי וועט שוין מיט אַן אמת פאַרדינען דעם נאָמען „ווילדע בריה״, ווען דער „שכלדיקער פונק״ וועט אינגאַנצן זיך אויסלעשן פון אירע שוואַרצע

אייגעלעך, שפּעטער, ווען זי וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אמתן „בערל חאַנטשעס“, וואָלט זי אפשר אַ באַפרידיקונג געפונען אין איר איינזאַמקייט, אַפילו אין דעם „שטיקל לייוונט מיט דער נעכטיקער קאַרטאָפליע“ און וואָלט אפשר אין אים (אין שטיקל לייוונט) זיך געקענט שפּיגלען, ווי בערל־חאַנטשעס אין האַנטפּאַס, פירנדיק אַ דיאַלאָג מיט זיך אַליין, שפּעטער וואָלט זי געקענט צו זיך אַליין ריידן און ווענדן זיך, פונקט ווי אירע חברים (לויט דער דעפעקטיוויטעט), ווי שלום־עליכמס געצל, וואָס שפּילט אַליין מיט זיך אין ניס, ווי א. רייזענס כאַצקל („דער הונט“), וואָס בילט אויף זיך אַליין און אַ סך אַנדערע. (גראָד איז דאָך קיין מאַנגל אין אַזעלכע חברים ניטאָ: די סביבה האָט זיי אין אַ גענוגענדיקער מאָס פאַרזאָרגט!).

איצט איז זי נאָך אָבער צו דערדאָזיקער מדרגה ניט דערגאַנגען, איצט אין זי נאָך ערב־בערל חאַנטשעס, ערב־געצל, ערב־כאַצקל, איצט „באַווייזט זיך נאָך דער שכלדיקער פונק אין אירע שוואַרצע אייגעלעך“, און זי פּראָטעסטירט קעגן אומרעכט, און זי קען ניט מסכּים זיין מיט דער אויפגעצוואונגענער איינזאַמקייט, און זי רעאַגירט מיט וואָס זי קען נאָר: זי וויל ניט עסן, זי דראַפּעט, רייסט און צעשמעטערט אַלץ אַרום זיך.

און מערקווירדיק: אין מיטן פון דעמדאָזיקן רייסן, דראַפּן, און צעשמעטערן, וואָס זיינען אפשר די ערשטע סימנים פון דער אָנגעהויבענער דעפעקטיוויטעט (אין בורנעווילס קלאַסיפיקאַציע זיינען אַזעלכע רעאַגירונגען פּאָראויסגעזען), פינקלט דורך פלוצלונג אין איר האַלב־פאַרנעפּלטן באַוואוסטזיין דער זכרון, דער געזונטער זכרון, די פאַרגעדיינקונג. זי דערמאָנט זיך אָן טאַטן, וואָס האָט זי אַזוי ליב געהאַט, זי דערמאָנט זיך אָן דער מאַמען, וואָס וועט אין אָוונט קומען און מאַכן פייער.

דער זכרון אַרבעט נאָך ביי איר, און זי געפינט אין אים אַ טרייסט פאַר זיך!

און אויב דער זכרון ביי דער „ווילדער בריאה“ איז שוין אין דערדאָזיקער תקופה פון ערב־דעפעקטיוויטעט אָפּגעשוואַכט

איז עס ווידער אַמאָל צוליב די אָנגעוויזענע סיבות: צוליב דער אָפּגעשוואַכטער אויפנאַמספעאיקייט און אויפמערקזאַמקייט.

וואו קען איר אויפנאַמספעאיקייט און אויפמערקזאַמקייט אַ פּלאַץ געפינען פאַר אַ געהעריקער, נאָרמאַלער אַנטוויקלונג? צי קען די ענגע שטיבל, ד׳ על ד׳, מיט דער שטענדיק ניט פאַרבעטער בעט, מיט דעם שטיקל לייוונט, אויף וועלכן די מאַמע לאָזט איבער אַ „נעכטיקע קאַרטאָפליע", מיטהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דיביידע הויפּט־תנאים פאַר אַ געזונטן זכרון?

און דאָס, וואָס זי, די שפּעטערדיקע „ווילדע בריאה", האָט קיין סביבה ניט, האָט קיין צערטלעכע באַציאונג ניט, דריקט זיך גלייכצייטיק אויס, אויסער דעם אָפּגעשוואַכטן זכרון, אויך אין אַן אַנדער ריכטונג: אין דער פאַרהאַלטונג פון דער שפּראַכלעכער אַנטוויקלונג.

זי לערנט זיך שפּעט אויס צו ריידן, זי רעדט איינציקע ווערטער, זי קען ניט צונויפבינדן קיין זאַץ (וועגן אַ קינדערשן זאַץ רעדט זיך דאָ, וועגן אַ זאַץ־בוי, לויט די מעגלעכקייטן פון איר עלטער).

די שפּראַך, ווי באַקאַנט, אַנטוויקלט זיך ביי קינדער דירעקט אונטער דער ווירקונג פון דער סביבה.

ווי אַזוי אָבער קען זיך די שפּראַך אַנטוויקלען ביי אַ קינד, וואָס פאַרבלייבט שטענדיק אויסער וועלכער ס׳איז מענטשלעכער סביבה, וואָס פאַרבלייבט גאַנצע טעג אין אַ פאַרשלאָסענער שטוב, אַליין מיט זיך? און גייט די מאַמע אַוועק, קען זי אַפילו ניט אויסדריקן מיט ווערטער (מיט אירע, קינדערשע ווערטער) איר פּראָטעסט, איר אומצופרידנהייט, און מוז זיך אָפּט באַגרעניצן מיט אַ שטומען וואָרטשן...

(שפּעטער וועט זיך דערדאָזיקער וואָרטשן אפשר „פאַרפאָלקאָמען" און דערגיין צו דער מדרגה פון „בילן" ווי ביי איר חבר, רייזענס „הונט"!).

דער „שכלדיקער פונק" באַווייזט זיך אין אירע אייגעלעך אויך תיכף נאָך דער מאַמעס טויט.

וואָס האָט זי איינגעטלעך, פאַרלאָרן נאָך דער מאַמעס טויט?

די מאַמע איז דאָך אויף פריער גאַנצע טעג, ווען זי פלעגט אַליין פאַרבלייבן, פאַר איר כּמעט טויט געווען. דער מאַמען פלעגט דאָך אויך פריער איר פאַרבייטן „דער שטיקל לייוונט מיט דער געכטיקער קאַרטאָפליע".

צו האָט זי באַ דער מאַמעס לעבן אפילו אַ מוטערלעכע צערטלעכקייט געהאַט?

און דאָך אָנערקענט זי, די שפעטערדיקע „ווילדע בריאה", איר פאַרלוסט, זי קלייבט זיך תּיכּף פונאַנדער אין געטראָפּענעם אומגליק, און אין מיטן טומל פון די אָנגעלאָפענע ווייבער (זי האָט דאָך אַזאַ גרויסע געזעלשאַפט קיינמאָל ניט געזען!) לאָזט זי אַרויס אַ געוויין:

— מאַמע!

און דאָס איז ניט קיין געוויין, וואָס קומט פון איבערגעשראָקנקייט, פון איבעראַשונג, דאָס איז ניט קיין איבערחזורונג פון איר אַלטעגלעכן וויינען און פראָטעסטירן קעגן דער אויפגעצוואונגענער איינזאַמקייט אין דער פאַרשלאָסענער שטוב: דאָ פילן מיר אַ טיף-מענטשלעכן פאַרשטיין, אַ טיף-רירנדיקע באַוואוסטזיניקע אָנערקענונג פון געשעענעם אומגליק, אַ בולטן אָפּקלאַנג פון זכּרון, וואָס האָט צו טאָן מיטן אינטעלעקט.

די „בנות-רחמנים", די יידענעס אין שטוב, נעמען זוכן אַן עצה, ווי אַזוי איינצואָרדנען די יתומה און ווענדן זיך נאָך הילף צו פריידל דער פעדערפליקערין:

— נעמט איר איין, פריידל!

און פריידל די פעדערפליקערין פילט אויסגעצייכנט אויס איר ראָל: זי נעמט איר טאַקע איין, נעמט ביי איר אָפּ יעדע קינדישע און מענטשלעכע נייגונג, פליקט אָפּ פון איר אַלע נאָך וואַקסנדיקע פעדערלעך פון נאָרמאַלער-אַנטוויקלונג, פון פּאָטענציעל-מענטשלעכן, און פאַרוואַנדלט איר ביסל[illegible]כוויז אין אַ קריפּל, אין אַ „ווילדער בריאה".

די פאַרבראַכטע טעג ביי פריידלען אין שטוב זיינען פאַר דער „ווילדער בריאה" אַ קייט פון יסורים, פון אַ סיסטעמאַטישער דעפעקטיריזירונג.

און ווען זי ענדיקט פריידלס „שול“ מיט אַ פּאַרטיקן „אַטעסטאַט“:

ווילדע בריאה!

ווען פריידל טרייבט איר פון שטוב אַרויס (מען צאָלט איר ניט פאַר איר „דערציאונג“), לאָזט זי זיך באָרוועס לויפן איבערן שניי, זי לויפט און זי לאַכט!

צום ערשטן מאָל האָט די „ווילדע בריאה“ געלאַכט, צום ערשטן מאָל האָט מען אויף איר פּנים פרייד געזען. דאָס איז אָבער ניט קיין באַוואוסטזיניקע פרייד און ניט קיין באַוואוסטזיניקער לאַכן, דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס זי האָט זיך ענדלעך אַרויסגעריסן פון דער תּפיסה, וואָס זי איז אַרויס אויף דער פרייער גרויסער וועלט:

אין איר לאַכן איז שוין דאָ אַן אויסגעפּאַרטיקטער וואַנזין, אַ פולשטענדיקער אידיאָטיזם.

דער „שכלדיקער פונק“, וואָס האָט נאָך פריער פון צייט צו צייט געגליט אין אירע שוואַרצע אייגעלעך, איז איצט שוין אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

דורכגעגאַנגען די דעפעקטיריזירונגס-שול, פאַרלאָרן יעדן סימן פון באַוואוסטזיניקן, פון מענטשלעכן, פאַרלאָרן יעדע מעגלעכקייט פון אויפנאַמספעאיקייט און אויפמערקזאַמקייט און צוזאַמען מיט דעם, פאַרשטייט זיך, יעדע מעגלעכקייט פון נאָרמאַלן זכּרון און נאָרמאַלן אינטעלעקט, איז זי געוואָרן דאָס, וואָס הייסט ביי Bourneville „אידיאָט אין אייגנטלעכן זין“ לויט אַלע סימנים:

פעלן פון אויפמערקזאַמקייט, אומפעאיקייט צו העלפן זיך. פעלן פון באַדערפניש אין שפּייז, ווילדע גרימאַסן, ניט ווירקנדיקע חושים, גלייכגילטיקייט צו קעלט א. א. וו.

„די ווילדע בריאה“ איז, אייגנטלעך, נאָר אַ פאָרשטייער פון אַ גאַנצער גרופּע ענלעכע טיפּן אין דער יידישער ליטעראַטור (א. רייזענס „רייזעלע“, מ. וויסנבערגס „פייגעלע א. א.).

איך וועל זיך אָבער אויף זיי ניט אָפּשטעלן, ווייל פּרצ...

„ווילדע בריאה“ איז אַ געניגנדיקע בולטע אילוסטראַציע צו דער גאַנצער גאַלעריי פון ענלעכע טיפּן.

ווי געזאָגט, זיינען לגבי דער דעפעקטיוויטעט אידענטיש די אַטראָפיע מיט דער היפּערטראָפיע פון זכרון.

און אויב באַ דער „ווילדער בריאה“ דריקט זיך צווישן אַנדערע סימנים אויס די דעפעקטיוויטעט אין דער בהדרגהדיקער פ אַ ר ש ו ו י נ ד ו נ ג פון זכרון, (וואָס קומט אַלס פועל-יוצא פון אַ אָפּ-געשוואַכטער אָדער אינגאַנצן פאַרלאָרענער אויפנאַמספעאיקייט פון די חושים און אויפמערקזאַמקייט, דריקט זיך, פון צווייטן זייט, אויס די דעפעקטיוויטעט ביי אַנדערע קינדער גראָד אין פאַרקערטן: אין דער צו גרויסער, פילפאַך פאַרטאָפּלטער קראַפט פון זכרון, וואָס נעמט זיך ווידער אַמאָל פון דער איבערגעשטיגן-פאַרשטאַרקטער אויפנאַמספעאיקייט און אויפמערקזאַמקייט.

אויפמערקזאַמקייט, ווי ס'איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט אין דער פּסיכאָלאָגיע, איז ניט קיין אַנטיטעזע צו צושטרייטקייט, נאָר געפינט זיך צו דער לעצטער אין אַ פאַרהעלטניס פון צווי קעגנ-זייטיקע מ ד ר ג ו ת פון איין און דערזעלביקער פ ס י כ י ש ע ר, דער-שיינונג, פונקט ווי וואַרימקייט און קעלט זיינען ניט קיין ק ע ג נ-ז אַ ץ, נאָר פאַרשיידענע מדרגות פון איין און דערזעלביקער פ י ז י ש ע ר דערשיינונג.

צ ו ש ט ר י י ט ק י י ט קען אָפּט באַטראַכט ווערן אַלס פאַר-פילפאַכטע אויפמערקזאַמקייט: וואָס מער די אויפמערקזאַמקייט קען זיך ניט באַגרעניצן און איינקלאַמערן אין די ענגע ראַמען פון אַ באַשטימטן באַאָבאַכטונגס-קרייז, אַלץ גרעסער איז די צו-שטרייטקייט—און פאַרקערט.

ס'איז דאָך באַקאַנט יענער ביישפּיל מיטן פּראָפעסאָר, ווען מ'זאָגט אָן בשעת ער איז שטאַרק פאַרטאָן אין אַן אויספאָרשונג וועגן דעם, אַז זיין איינציק קינד האָט איינגעשלונגען אַ נאָדל, און ער ענטפערט געלאַסן: דאַרף מען טאַקע קויפן אַן אַנדער נאָדל.

דאָס איז אויפמערקזאַמקייט און צושטרייטקייט אין איין און דערזעלביקער מאָס: א ו י פ מ ע ר ק ז אַ מ ק י י ט צו דעם באַגרעניצטן קרייז געגנשטאַנדן פון זיין אויספאָרשונג און צ ו-

ש ט ר י י ט ק י י ט צום גאַנצן מחוץ דער אויספּאָרשונג שטייענדיקן אַרום.

ס'איז אָבער קלאָר, אַז אַזאַ מין קאָנצענטרירטע, צ ו פ י ל קאָנצענטרירטע, אויפמערקזאַמקייט צו אַ באַגרעניצטן קרייז געגנ־שטאַנדן אויפן חשבון פון צושטרייטקייט צו דעם אומבאַגרעניצטן אַרום איז בכלל געבומען אַ אומגעוואונטשענע, אַ אומנאָרמאַלע דערשיינונג.

און אַזאַ מין אומנאָרמאַלע אויפמערקזאַמקייט ברענגט ממילא צו אַ אומנאָרמאַלן, איבערטריבענעם זכרון.

ביי מענטשן מיט אַ צו קאָנצענטרירטער אויפמערקזאַמקייט און אויפנאַמספעאיקייט וועט זיך באַקומען אַ צו שטאַרקער זכרון צו איין גרופּע און אַ צו שטאַרקע שכחה צו אַן אַנדער גרופּע פון פאַקטן און דערשיינונגען.

באַ אַזעלכע מענטשן וועט דער זכרון לגבי דער איין באַ־שטימטער גרופּע פון פאַקטן און דערשיינונגען פון דער אויסגע־געווייילטער אויפמערקזאַמקייטס־ספערע זיך אויסדריקן אין פ ר ט י ם, אין די קלענסטע און אומבאַמערקבאַרסטע ניואַנסן, אין דער צייט ווען אין אַלעס אַנדערן וועט דער עצם כ ל ל, שוין ניט ריידנדיק וועגן זיינע פ ר ט י ם, פאַרבלייבן ניט אויפגענומען, ניט באַאויפ־מערקזאַמט און ממילא ניט פאַרגעדייבקט.

און אַזאַ מין זכרון ווערט אין דער אַלג. וויסנשאַפט פאַר־רעכנט אַלס בולטער פסיכאָפּאַטאַמלאָגישער סימן (זע אַלס ביישפּיל, די קלאַסיפיקאַציעס פון פיליפ—באָנקור, ד״ר דעקראָלי א. אַ.) און באַזונדערס שאַרף ווערט זיין נעגאַטיווע באַדייטונג באַהאַנדלט ספּעציעל פון דירעקט־פּעדאַגאָגישן זיך (זע, למשל, די אויבנדער־מאָנטע דריי כאַראַקטעריסטיקער פון דעפעקטיווע שול־תלמידים אין זאַמלבוך: „דעפעקטיווע קינדער און די שול").

וואָס ס'איז נוגע דעמדאָזיקן מין פון צו פאַרשטאַרקטן זכרון, פון אַ זכרון מ י ט פ ר ט י ם פאַר דער אויסשליסלעכער, אויסגעווייילטער אויפמערקזאַמקייטס־ספערע ביי דעם פעלן פון וואָס ס'איז ניט זכרון פאַר דעם, וואָס געפינט זיך מחוץ דער אויפמערקזאַמקייטס־ספערע, געפינען מיר אים ביי אַ גאַנצער גרופּע

פון גאַנץ אָדער האַלב-דעפעקטיווע קינדער-טיפּן אין דער יידישער ליטעראַטור.

י. ל. פּרצעס „קראַנקער ייִנגל" פאַרמאָגט אַ אויסגעצייכנטן זכּרון דווקא פאַר ענינים, וואָס וועקן זיין עמפּינדלעכקייט, זיין נערוועזע און עקזאַלטירטע אויפמערקזאַמקייט און אינערלעכע אויפנאַמספּעאיקייט. ער געדיינקט אַלע פּרטים פון זיין באַגעגניש מיט דער מיידעלע, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם צענערל: דידאָזיקע באַגעגניש האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און זי וועט שוין זיכער פאַרבלייבן אין זיין זכּרון אויף גאַנצע לאַנגע יאָרן.

ער געדיינקט זיכער, מיט אַלע פּ ר ט י ם, דעם אויסזען פון קלויסטער, צו דער מדרגה פון וועלכן ער וויל ברענגען ז י י ן שול.

ער געדענקט אַלע צערטלעכקייטן פון זיין מוטער, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק, אַזוי קרענקלעך—שטאַרק ליב!

פּרצעס „קראַנקער ייִנגל" איז בכּוח צו באַאָבּאַכטן און פאַרמאָגט אויפמערקזאַמקייט נאָר פאַר אַזעלכע דערשיינונגען און פאַקטן, וואָס קענען אַרויסרופן אַ פאַרשטאַרקטע עמאָציאָנעלע אויפרודערונג (ס'איז קיין נפקא-מינא ניט, צו דידאָזיקע אויפרודערונג וועט זיך אויסדריקן אין שמחה, עקסטאַז אָדער אין צער), וואָס קענען ברענגען נאָר צ ו ט ר ע ר ן, צו פּאַטאָס, און זיין זכּרון גרופּירט זיך דעריבער אויך נאָר אַרום די דערשיינונגען און פאַקטן, וואָס קענען אַרויסרופן און האָבן ביי אים אַרויסגערופן פּאַטאָס און טרערן.

אַלע אַנדערע דערשיינונגען און פאַקטן גייען אַריבער אומבאַמערקבאַר פאַר זיין אויפמערקזאַמקייט און בלייבן גלייכצייטיק אויך מחוץ זיין זכּרון.

און דער צווייטער קראַנקער ייִנגל (שוין אָן געגנזפּיסלעך) אין באַציאונג צו זכּרון איז פון י. ראָזענפעלדס „איבערגעשראָקן".

ער געדענקט אויסגעצייכנט נאָר יענע פאַקטן פון זיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס דינען אַלס באַווייז צו זיין קרענקלעכן אידעפיקס פון פאַטאַלן, לויערנדיקן אומגליק, וואָס דינען אַלס באַשטעטיקונג נאָר צו יענער איינגעוואָרצלטער אָנערקענונג, אַז „ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ פינסטערן מזל".

ער געדענקט אַלע פּרטים פון די אומצייליקע באַליידי־קונגען, וואָס ער האָט געהאַט באַקומען פון זיין שטיף־מאַמען, פון דער גאַנצער מחנה בעלי־מלאָכות, ביי וועלכע ער האָט „גאַסטראָלירט“ מיטן איינציקן צוועק צו באַקומען קלעפּ און טרעטירונגען: אַחוץ דעם אָבער געדענקט ער גאָרניט. ס'קומט אויס, ווי ער, דער איבערגעשראָקענער, וואָלט באַשלאָסן צו פאַרגעדענקען בלויז יענע זאַכן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אַ שרעקנדיקן עלעמענט, זיין זכרון זאָל אין זיך איינשטעמפּלען בלויז שאַטנס, און ניט קיין ליכט.

ווי טרויעריק אָבער זיין לעבן איז ניט געוועזן, קאָן דאָך ניט געמאָלט זיין, אַז אין אים זאָלן לחלוטין פעלן די מינ־דעסטע ליכט־סימנים!

שלום־עליכמס יינגל פון „צער בעלי חיים“, מיט זיין חבר פון א. רייזינס (אַנאַלאָגישן אפילו לויטן סיוזשעט) „מיינע דריי שונאים“, פאַרגעדיינקט אין אַלע פּרטים ניט נאָר די אכזריות פון דעם שוחט, מלמד און אַנדערע, נאָר אפילו דעם אויסערלעכן אויסזען פון זיינע מערטירער — שונאים.

א. רייזענס כאַצקעל (פון „דער הונט“) נעמט אַריין אין זכרון אַ צופעליקע פראַזע פון זיין חבר, דער „קרופּעניצעס יינגל“, וועגן סם־קאָטלעטן פאַר הינט — אין דער צייט, ווען ער לייגט קיין אַכט ניט אויף טויזנטער אַנדערע פראַזן פון זעלביקן חבר (כאַצקל איז דאָך דער גרויסער מיזאַנטראָפּ, לגבי וועלכן די רייד ניט נאָר פון פרעמדע מענטשן, נאָר אפילו פון זיינע חברים, זיינען „הפקר־פּעטרישקעס!“).

יונה ראָזענפעלדס פייגעלע פאַרגעדיינקט אויף לאַנג און אין אַלע איינצלהייטן די מאָמענטן פון אירע באַ־געגענישן מיט חיימלען, אַלע אירע שמועסן מיט אים איז זי שפּעטער, נאָך זיין טויט, בכּוח איבערצוחזרן וואָרט ביי וואָרט, פאָרשטעלנדיק זיך דערביי גענוי אפילו די אומשטענדן, אין וועלכע די שמועסן זיינען פאָרגעקומען, די אויסדרוקן אויפן פּנים פון חיימלען א. אַז. וו.

אין דער זעלביקער צייט האָט פייגעלע ניט קיין אויפ־

מערקזאַמקייט און ממילא אויך ניט דעם מינדעסטן זכרון פאַר חיימלס ברידערלעך און שוועסטערלעך, פאַר די רייד און געבעטס פון אירע אייגענע טאַטע=מאַמע, פאַרן גאַנצן אַרום, וואָס געפינט זיך מחוץ דעם דאָמינירנדיקן מאָמענט פון איר לעבן, מחוץ איר חיימלען.

דער צד=השוה פון דעמדאָזיקן צו שטאַרקן און איינזייטיקן זכרון ביי די אַלע דערמאָנטע קינדער איז, וואָס ד"ר סאָליער רעכענט טאָקע אַלס סימן פון דעפעקטיוויטעט אין זיינע עקספע=רימענטאַל=פעדאַגאָגישע אָפּהאַנדלונגען, די אויטאָמאַטישקייט, סטע=רעאָטיפּישקייט און דער עיקר באַגרענצקייט.

דער נאָרמאַלער זכרון מוז זיין אַ באַוועגלעכער, ער מוז פאַרמאָגן די קאָמבינירונגס=פעאיקייט, די סגולה פון אויסוואַל, פון פאַרנעמען אַ ברייטן שטח.

און באַפרידיקט ער נ י ט דידאָזיקע פאָדערונגען: אַלס איינס, צו ער פעלט אינגאַנצן, צו ער פאַרקלייבט זיך און די ענגע ד' אַמות פון אַ באַשטימטן אויפמערקזאַמקייטס=קרייז, וואו ער ווערט אמת פאַרטיפערט און פאַרפעסטיקט, מוז ער גערעכנט ווערן אַלס באַווייז פון דעפעקטיוויטעט!

---

איך האָב דאָ באַזונדערס אויסגעטיילט אַ ריי באַשטימטע סימנים פאַר פסיכאָ=פּאַטאָלאָגישער דיאַגנאָסטירונג פון די דעפעק=טיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור: די עמאָציאָנעלע אָרגאַניזאַציע, דעם כאַראַקטער און ווילן (אינטעלעקטועלע ספערע), דעם זכרון מיט זיינע פאַרבאַדינגונגען: די אויפנאַמספעאיקייטן, פון די חושים און די אויפמערקזאַמקייט און כ'שטעל זיך כלל ניט אָפּ אויף אַ ריי אַנדערע סימנים.

די סיבה, וואָס האָט מיך באַוואויגן צו באַגרעניצן זיך נאָר מיט דער אָנגעוויזענער גרופּע סימנים איז אַ צווייערנדיקע:

דידאָזיקע סימנים זיינען די בולטסטע און כאַראַקטעריס=טישסטע און אויפן סמך פון זיי איז מען בכלל בכוח פעסטצו=שטעלן מיט דער מערערער גענויקייט און זיכערקייט די מדרגה פון דעפעקטיוויטעט. די אַלע איבעריקע סימנים זיינען, אין באַצוג

צו זיי, נאָר ווייטערע פאַרצווייגונגען, ווייטערע נאָכווייעענישן, און האָבן דעם כאַראַקטער פון אַ „ואידך זיל גמור":

האָט מען אין דער כאַראַקטעריסטיק פון אַ דעפעקטיוון ריכטיג אָנגעוויזן אויף די אָפּנייגונגען אין דער אינטעלעקטועלער (כאַראַקטער זכרון און ווילן), עמיציאָנעלער (עמפינדלעכקייט, פאַנטאַזיע א. אַ.) ספערן, קען מען שוין אַליין דערגאַנצן די איבעריקע סימנים מיט אַ לכל־הפחות לפי־ערכדיקער פינקטלעכקייט.

און דאָס איז אויך די סיבה, וואָס אין אַלע קלאַסיפיקאַציעס פון דעפעקטיוויטעט פאַרנעמען טאַקע די אָנגעוויזענע סימנים פון דער עמאָציאָנעלער און אינטעלעקטועלער ספערן דעם הויפּט־פּלאַץ.

די צווייטע סיבה דרינגט אַרויס פון כאַראַקטער פון דער יידישער ליטעראַטור גופא.

די יידישע ליטעראַטור בכלל איז דאָך אין איר מערהייט, ווי באַקאַנט, אַ נאָוועלן־ליטעראַטור, זי באַשטייט פון קלענערע (אין כמות) ווערק, וואָס קענען ניט אַרומנעמען דעם גאַנצן וועזן פון געשילדערטן טיפּ און מוזן זיך באַגרעניצן בלויז מיט שטריכן, רמזים.

קיין אויסנאַם פון דעמדאָזיקן קאָנטורן־כאַראַקטער זייגען, פאַרשטייט זיך, אויך ניט די שילדערונגען פון קינדער־לעבן בכלל (וואָס פאַרנעמען אין דער יידישער ליטעראַטור אַ באַדייטנדיקן אָרט) און פון די דעפעקטיווע קינדער בפרט.

אמת, די קאָנטורן זייגען אָפט געגעבן אין אַזאַ קינסטלעריש־בולטער פאָרם, אַז ס'איז ניט שווער אויפן סמך פון זיי צו שאַפן אַ גאַנצע אויסשעפנדיק בילד פון די געשילדערטע טיפּן: דאָ מוז מען זיך אָבער פאַרנעמען מיט דערגאַנצונגען, ביי וועלכע די שילדערונגען גופא דאַרפן באַטראַכט ווערן נאָר אַלס מאַטעריאַל.

ס'דאַרף אָבער קאָנסטאַטירט ווערן אין די גונסטן פון אונזערע שריפט־קינסטלער, אַז אין אַלע זייערע פאַרקירצטע און קאָנספּעקטועלע (פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפונקט) שילדערונגען פון דעפעקטיווע קינדער, איז ניט פאַרפעלט דווקא דאָס וויכטיקסטע: די אָנגעוויזענע הויפּט־סימנים פון דעפעקטיוויטעט.

און דאָס דערקלערט זיך, אָן ספק, מיט דער פּסיכאָלאָגישער אינטואיציע פון אונזערע קינסטלער!

כ'האָב ביז איצט געפּרובט כאַראַקטעריזירן גאַנצע גרופּן פון דעפעקטיווע קינדער שוין צוליב דעם, וואָס די הויפּט=סימנים פון דעפעקטיוויטעט חזרן זיך איבער ביי אַ גרעסערער צאָל קינ= דער אין דער יידישער ליטעראַטור און גייען אַרויס פון די גרעניצן פון אינדיווידועלע כאַראַקטעריסטיקעס.

ס'איז אָבער אינטערעסאַנט זיך אָפּצושטעלן אַ ביסל אויך אויף באַזונדערע, איינציקע דעפעקטיווע קינדער.

כמעט אַלע אונזערע בעסערע שריפטשטעלער האָבן זייער פּינזל געווידמעט דעם יידישן קינד — אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס. און פון דעם גופא איז שוין געדרונגען, אַז כמעט באַ אַלע אונזערע שריפטשטעלער שטויסן מיר זיך אָן אויף דע= פעקטיווע קינדער, ווייל, ווי געזאָגט, די סביבה פון יידישן קינד איז געווען און איז נאָך געוויסערמאָסן אויך איצט גענוג „באַפרוכטפערט" מיט דעפעקטיוויזירונגס=מעגלעכקייטן.

ס'איז אָבער דאָ אַ גרופּע שריפטשטעלער, ביי וועלכע די דירעקטע שילדערונגען פון דעפעקטיווע (אָדער זיך דעפעקטיווי= זירנדיקע) קינדער פאַרנעמען אַ גרעסערן פּלאַץ.

צו דידאָזיקע געהערן, אָן ספק, יונה ראָזנפעלד און אַ. רייזען.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ דורכצופירן אויספירלעכע פּאַראַלעלן צווישן יונה ראָזענפעלדן און א. רייזענען.

וואָס ס'איז אָבער נוגע זייערע ביידנס שילדערונגען פון דעפעקטיווע קינדער דאַרף געזאָגט ווערן:

ביידע האָבן דאָ צו טאָן מיט דער דעפעקטיוויזירנדיקער סביבה פון יידישן קינד, מיטן אומגליקלעכן קעלער=שטוב, מיט די „באַליידיקטע און דערנידעריקטע" מאַסן=מענטשן, מיט דער מרה= שחורה און אומבאַהאָלפנקייט, וואָס שעפּן זייער יניקה פון גרויען ספּעציפיש=יידישן דלות.

ביידע האָבן זיי צו טאָן מיט דעם אונטערגרונט פון דער יידישער געזעלשאַפט.

אַנדערש איז אָבער זייער באַציאונג צו דערדאָזיקער סביבה:

יונה ראָזענפעלד קומט צו דער סביבה און א. רייזען קומט פון דער סביבה. י. ראָזענפעלד איז אַליין נאָך אין דער סביבה ניט פאַרזומפט געוואָרן, איז נאָך ניט געוואָרן קיין אָרגאַנישער טייל פון איר. ער איז ביכולת צו קוקן אויף איר פון אַ באַשטימטער הויך און פון פאַרהעלטניסמעסיק אָביעקטיווערע מחוץ=למחנה=ברילן. ער איז מער ביכולת צו פאַרגלייכן דאָס, וואָס ס׳איז און דאַרף ניט זיין מיט דעם, מיט דעם, וואָס ס׳איז ניט און דאַרף זיין.

און פון דעם נעמט זיך דער ברוויזיקער טעמפעראַמענט פון י. ראָזענפעלדן, זיין טיף=ווירקנדיקער פראָטעסטאַנטיזם, פון דעם נעמט זיך די באַזונדערע קראַפט פון זיינע שילדערונגען, וואָס דינען אַלס קאַמפּס=רופן און פאַרמאָגן פאַר אונז א מערערע אויפטרייסלונגסווירקונג.

י. ראָזענפעלדס שילדערונגען זיינען דעריבער ניט בלויז קיין שילדערונגען, נאָר האַרמאַטן=שאָסן, וואָס שיטערן פונאַנדער די אויפגעפרעסטע אַרום אונז שטיקנדיקע לופט, און ברענגען צו אַ שטאַרקערע בלוט=צירקולאַציע, צו צונויפדריקונג פון פויסטן, צו גרייטקייט ניט נאָר אויפצונעמען דעם אומרעכט, נאָר אויך צו רעאַגירן אויף אים מיט מעשים.

א. רייזען, פאַרקערט, איז אַליין אַ קינד פון דער געשילדערטער סביבה. ער האָט זיך צופיל צוזאַמענגעוואַקסן און צופיל אָרגאַניש=צוזאַמענגעקניפּט מיט דער געשילדערטער סביבה. ער שטעלט אונז טאַקע אַרויס דידאָזיקע סביבה אין איר נעגאַטיווער נאַקעטקייט, ער ווייזט אונז טאַקע אויף אַלע פינסטערע זייטן, ער איז אָבער ניט ביכולת אויף אונז אַזוי שטאַרק צו ווירקן. ער פאַרמאָגט ניט די איבערצייגונגס קראַפט, ווייל אין זיינע שילדערונגען איז צופיל דאָ אוממיטלבאַרקייט, ס׳פעלט אין זיי דער פּראָטעסטאַנטיזם פון דעם, וואָס ווערט איבעראַשט. ער האָט פיינט, ער טאַדלט, ער קאָן אָבער ניט צאָרנען, ער קאָן אָבער ניט אויפגעבראַכט ווערן. פאַר רייזענען איז דער דלות און זיינע באַכפּאָלגן אַ זאַך פון „הרגל נעשה טבע“, און ער יועט אין שאָטן גופא קענען אויסגעפינען ליכט, און שיין פון

יענער אייגנאַרטיקער סענטימענטאַליטעט, וואָס קומט פון נאָנטקייט, פון צוגעוויינטקייט.

פאַר רייזענען איז: „אַ קאַליקע מאַמע פאָרט אַ מאַמע״, ווייל ער גייט צו צו דער קאַליקער, סוף כל סוף, ווי צו אַ מאַמען, ווי צו אַ צופיל אייגענעם, נאָענטן און צופיל איינגעזאַפּטן שטיקווירקלעכקייט.

פאַר י. ראָזענפעלדן איז „אַ קאַליקע אַ מאַמע נ י ט קיין מאַמע״, ווייל אפילו אַ מאַמע טאָר ניט זיין קאַליק, ווייל דורכדעם, וואָס זי איז אַ קאַליקע, ווערט זי ממילא א ו י ס מ אַ מ ע.

און ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס י. ראָזענפעלד האָט מער צו טאָן מיט ב ו ל ט ע דעפעקטיוויטעטן, וואָס ער פּרובט זיך ניט צו „פאַרזיסערן די פּיל״ און איז אין זיינע שילדערונגען אכזריותדיק — ניכטער, אין דערצייט, ווען ביי רייזענען ווערט איר די דעפעקטיוויטעט טרעפן אָפט איינגעוויקלט אין אַ מענטעלע, אויב ניט פון בפירושדיקע, איז פון זיך אָנבעטנדיקע, פאַרלייכטערונגען, פון דעם, וואָס הייסט אין דער יוריספּרודענץ „ווייכמאַכנדיקע תנאים פון דעם שולד״.

א. רייזען קרעכצט און י. ראָזענפעלד שטורעמט. אין רייזענס קרעכץ פילט זיך אָפט אַ שטיקל אייגנאַרטיקער נחת־רוח, ווי אין יענעם הוסטל פון שלום־עליכמס מלמד, וואָס „פאַרגרינגערט די ליחה״, אין ראָזענפעלדס שטורים פעלט אינגאַנצן די מינדעסטע זעלבסטצופרידנהייט, די זעלבסטבאַרואיקונג.

און ס׳איז ניט קיין צופעליקייט, וואָס י. ראָזענפעלד האָט אַזוי ליב צו שילדערן דעם מאַרטיראָלאָג פון יידישן לערנייִנגל, וואָס ער איז ממש געוואָרן דער זינגער פון לערנייִנגל (מענדעלע מו״ס האָט זיינע מייסטערהאַפטע שילדערונגען פון לעבן פון לערנייִנגל געגעבן אַ ג ב ־ א ו ר ח א, אַלס איינצעלע בלעטעלעך פון טרויערקראַנץ. ראָזענפעלד האָט עס איבערגענומען אַלס באַזונדערע און זעלבשטענדיקע שילדערונגס־צ ו ו י י ג), ווייל די סביבה פון לערנייִנגל, און זיינע לעבנס־באַדינגונגען זיינען די ט ר ו י ע ר י ק ס ט ע, די נעגאַטיווסטע, און זיי מוזן ברענגען צו אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס פון דעפעקטיוויזירונג.

ביז וואַנען דאָס לערניינגל גייט אַריין אין דער אייגנטלעכער „שול“—אויב מיר זאָלן דעם וואַרשטאַט אָדער, ווי ס'טרעפט זיך אַמאָפטנס, די מערערע וואַרשטאַטן, קרוינען מיטן נאָמען „שול“—האָט ער, געוויינלעך, אַ באַשטימטע פאַרשול־עפּאָכע. און דידאַ־זיקע „פאָרשול“ פון קינד איז, דאָס רוב, די באַקאַנטע קעלער־סביבה פון אויפגעצוואונגענער איינזאַמקייט און פּריצייניקע ליידן די סביבה פון געפלאָגטן אויפזיכטסלאָזן יידישן יתום, די סביבה פון דער טרויעריק־באַוואוסטער תּלמוד־תּורה מיט אַלע אירע דער־ציאונגס־פּראַכטן: פון איין זייט דער מערטירער־מלמד, וואָס ווענדט אָן זיין גאַנצן דרעסירונגס־טאַלענט באַזונדערס־שאַרף אויפן עלנדן און אָרימסטן תּלמיד און פון צווייטן זייט די אייגענע חברים, וואָס, בעמענדיק אַ בייספּיל פון די דערוואַקסענע, רעכענען אויך פאַר אַ באַזונדערס אַנגענעמען חוב צו דריקן דעם שוואַכסטן, צו פּייניקן און טרעטירן דעם שוצלאָזן.

די לעצטע דערשיינונג פון דער אייגנאַרטיקער אכזריות מצד די קינדער גופא צו זייערע אָרימערע און עלענדערע מיט־חברים, וואָס ווערט איבערגעחזרט און בולט אילוסטרירט אין אַ גרויסער צאָל שילדערונגען פון קינדער־לעבן אין דער יידישער ליטעראַטור, קען דינען אַלס באַזונדער טעמע פאַר אַ ברייטערע פּסיכאָלאָגישע אונטערזוכונג.

די דאָזיקע אכזריות פון די תּלמוד־תּורה־קינדער גופא צו זייער מיטחבר, דעם יתום, וואָס איז שטענדיק פאַר זיי דער „שעיר לעזזל“, וועלכער דאַרף אויף זיך נעמען די אויפגאַבע פון „אויסגלעטן מיט זיין רוקן דעם גליטש“ (אין רייזענס אַ נאָוועלע) וועלכער דאַרף זיין נאָז געבן פאַר דער אויספירונג פון קונדסים־עקספּערימענט: „צו וועט ער קענען אויסהאַלטן ח"י מאָל ח"י שנעלן“ (אין שלום־עליכמס אַ נאָוועלע) א. אַז. וו. איז זיכער ניט קיין אַלגעמיינע דערשיינונג, וואָס קען דערקלערט ווערן בלויז מיט אַלגעמיינע געזעצן פון דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע (ווי די נאַטירלעכע און באַרעכטיקטע קינדערשע אכזריות, אַלס אַזעלכע). נאָר האָט אַ ספּעציפיש־פּסיכאָלאָגישן אונטערבאָדן אין ענגן צו־זאַמענהאַנג מיט דער ספּעציעל יידישער סביבה פון אונזערע קינדער.

כ׳קען זיך דאָ, ליידער, ניט אָפּשטעלן אויספירלעך אויף דעם אַנאַליז פון דערדאָזיקער ספּעציפישקייט.

זאָל דערלויבט זיין אָבער צו באַמערקן בדרך כלל,׳ אַז איינע פון די הויפט־סיבות, וועלכע שאַפן אַ באַזונדער גינסטיקן באָדן פאַר אַזאַ מין אכזריות ביי די „דערצויגלינגען״ פון דער ספּעציעל־יידישער סביבה פון די אָרימסטע און באַליידיקסטע (קינדער פון קעלער, קינדער־יתומים א. א. וו.) איז דער דראַנג נאָך רעוואַנש, דער ווילן אויסצוגיסן דעם צאָרן אויף עמיצן פאַר די אייגענע ליידן.

און אפשר ניט באַוואוסטזיניק, נאָר אינטואיטיוו, אונטער דעם דרוק פון אַזוי גערופענעם אונטערבאַוואוסטזיין, זוכן די ליידנדיקע יידישע קינדער אַ תיקון און אַ טיילווייזע באַפרידיקונג און פאַרענטפערונג פאַר זייערע אייגענע ליידן, דורך דעם איבער־טראָגן פון זייערע ברויזיקע נקמה־געפילן,׳ אויב שוין ניט אויפן אמתן שולדיקן, איז אויף עמיצן אַנדערש.

און ווער קאָן עס זיין דערדאָזיקער „עמיצער אַנדערש״, אויב ניט דער שוצלאָזסטער און עלענדסטער יתום און אייגענער שוואַכסטער מיטחבר?

דאָס דאַרף בשום אופן ניט צונויפגעבונדן ווערן מיט דעם פאַקט, וואָס איז אַן און פאַר זיך זייער נאַטירלעך און פסיכאָ־לאָגיש באַרעכטיקט, פון דעם פאַרטיקן באָדן באַ קינדער בכלל פאַר אייגנאַרטיקער געזעלשאַפטלעכער ד׳פערענצירונג אויף קלאַסן און שטאַנדן (פונקט ווי ביי די גרויסע) פון איין זייט און פאַר דער אויסטיילונג פון טאָנגעבער און הערשער אין דער אייגענער קינדערשער געזעלשאַפט פון צווייטן זייט.

די אייגנאַרטיקע קלאַסן־פאַרטיילונג שוין אין דער קינדער־שער סביבה געפינט, למשל, איר אויסדרוק אין די דורך פיל פון אונזערע שריפטשטעלער געשילדערטע שנאה־באַציאונגען צווישן די רייכערע און אָרימערע קינדער, צווישן דער העכערער „קאַסטע״ פון גמרא־תלמידים מיט דער נידעריקערער „קאַסטע״ פון די דרדקי־קינדער (די מלחמות מיט די „ים־קאָטערס״, ביי שלום־עליכמען) א. אַ. וו. די אויסטיילונג פון די מער פעאיקע, מער

טאַלענטירטע, וואָס באַקומען די אָנערקענונג און שטומע מיט־שטימונג פון די אייגענע חברים און ווערן די פאַקטי'שע הערשער פון דער געזעלשאַפטלעכקייט זעען מיר ווידער אין אַ ריי קינדער־שילדערונגען פון אונזער ליטעראַטור, ווי למשל, ביי שלום־עליכמס בעני מאיר פאָלקאָוואָיס, ביי דעם „חתן־בחור" פון „גזלנים" א. אַ. דידאַקטיק ביידע דערשיינונגען האָבן אָבער, ווי געזאָגט, אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, זיי חזרן זיך איבער אין יעדער קינדערשער סביבה בכלל און זיינען פונקט אַזוי נאַטירלעך און באַרעכטיק, ווי ווען זיי טראָגן זיך איבער אין אונזער וועלט פון דערוואַקסענע.

אין דידאָקטישע דערשיינונגען איז ניטאָ דער עלעמענט, וואָס זאָל זיי צוגעבן אַ ספּעציעלן שטעמפּל פאַר דער באַשטימטער סביבה, ווייל זיי זיינען אידענטיש און דער עיקר אָרגאַניש און פאַרשטענדלעך פאַר יעדער סביבה בכלל, סיי קינדערשער, סיי אַלגעמיין־מענטשלעכער.

אַנדערש איז די זאַך מיט דער שוין איבערנאַטירלעכער, פון דער נאָרמע אַרויסשטייגנדיקער, קינדערשער־אכזריות, וואָס קאָן באַרעכטיקט ווערן נאָר מיט די אייגנאַרטיקייטן פון אַ באַשטימטער, ניט אַלגעמיינער, קינדערשער־סביבה, מיט די אייגנאַרטיקייטן פון יענער סביבה, וואו די ליידן און פיין זיינען אַ סיסטעם, וואו די דעפעקטיוויזירנדיקע ווירקונג פון דידאַקטיקע סיסטעמאַטישע ליידן און פיין טיילן איר אויס פון אַלע אַנדערע קינדער־סביבות.

פאַרוואָס האָבן גראָד די אָרימסטע און אַליין געפּייניקטע יידישע קעלער־קינדער. און תלמוד־תורה־תלמידים אַזאַ חולשה צו פייניקן אַנדערע? פאַרוואָס האָבן זיי אַזאַ פאַרגעניגן, למשל, פון אַזאַ „אַמעריקע־אַנטפּלעקונג", אַז זייער רבי־מערטירער איז אויך אַמאָל אַ יינגל געווען און האָט אליין שמיץ באַקומען? (שלום־עליכמס „גזלנים", „צער בעלי־חיים" א. אַ.), צו איז ניט אין דעם „אויסגלעטן דעם גליטש מיטן רוקן פון אייגענעם חבר" אָדער דעם „אויספּרובן דעם נאָז פון דעם ווידער אַמאָל אייגענעם חבר מיט די ה"י מאָל ח"י שנעלן" ניט פאַראַן דיזעלביקע סיבה, טראַ־

גישע און רירנדיקע ביז טרערן, צוליב וועלכער די ליבענדיקע מוטער פון די „דריי קעפלעך" שילט אַזוי אומברחמנותדיק און „רייסס אויס שטיקער פלייש" אירע אייגענע קינדער, צוליב וועלכער דער ליבנדיקער טאַטע פון „דעם תענית" טראַכט צו, אָדער אומברחמנותדיק דעם ליגן וועגן אַ תענית אין מיטן מיטוואָך? —

צו איז אין דעם פייניקן מצד די קינדער גופא פון זייער שוואַכסטן מיטחבר ניט פאַראַן דיזעלביקע סיבה, צוליב וועלכער די שלימ-מזלמיקע זרח-קנייפס אַליין געפינען אַזאַ טרייסט אין זייער סאַדיסטישן נגונדל: „שמיצלעך—מוצלח, שמיצלעך—מוצלח"? —

די „באַליידיקטע און דערנידעריקטע" זוכן אַ תיקון פאַר זייער באַליידיקונגען און דערנידערונגען, זיי זוכן צו רעאַליזירן די אויפגעקליבענע אומצופרידנהייט. און דאָס לאָזט זיך נאָר בנוגע די שוואַכערע, די מער שוצלאָזע. „כל דאַלים גבר": ווער ס'איז שטאַרקער, יענער פייניקט; דער רבי איז שטאַרקער, פייניקט ער די קינדער, די קינדער פון זייער זייט פייניקן יענע מיטחברים, וואָס זיינען נאָך שוואַכער פאַר זיי.

און דער צד-השוה פון יעדער סביבה, וואו ס'הערשן פיין און ליידן, איז דעריבער טאַקע די קעגנזייטיקע פייניקונג, די פייניקונג אַלס סיסטעם, אַלס פאַרכישופטער קרייז.

און אָט פון דעמדאָזיקן פאַרכישופטן קרייז פון כסדרדיקע פייניקונגען קומען טאַקע די אָרימע יידישע קינדער און זעלבס-שטענדיקן לעבן אַריין, פון דעמדאָזיקן פאַרכישופטן קרייז קומען די אָרימע לערגיינגלעך צו זייערע וואַרשטאַטן.

דער איבערגאַנג איז אַ גאַנץ פאַראייניפאַכטער. דאָס לעבן פון לערניינגל פון פ אַ ר ן וו אַ ר ש ט אַ ט טיילט זיך אָפּ פון זיין לעבן שוין ב אַ ד ע ם וו אַ ר ש ט אַ ט בלויז מיט „אַ שינוי השם" פון זיינע מערטירער.

פריער האָבן די אויפגאַבע פון דרעסירן און פייניקן אויס-געפירט די טאַטע-מאַמעס אָדער די פאַרשיידענע פרעמדע פאַר-זאָרגער אינדערהיים און אין חדר: די „זרח-קנייפס" מיט דעם רעכט פון „דערציער" און די „בעני מאיר פאַלקאָוואָיס" מיטן רעכט פון שטאַרקערע מיטחברים, און באַ דעם וואַרשטאַט פילן

דיזעלביקע ראָל אויס די פאַרשיידענע „אהרון שוסטערס" (י. ראָזענ־פעלדס „אַ ווילדע בריאה") און אַנדערע בעלי־מלאכות, ווי אויך זייערע עלטערע „פועלים", פריערדיקע לערניינגלעך, וועלכע דאַרפן אים, דעם לערניינגל, „צוגרייטן צום לעבן".

דער חבר פון אָרימען יידישן לערניינגל איז דער אָרימער „קלייט־משרת".

און ער, דער מינדעריעריקער קלייט־משרת, פאַרנעמט טאַקע אין אונזער ליטעראַטור אַ גרויסן פלאַץ מיט זיין באַזונדערן מאַרטיראָלאָג. (באַ מענדעלע מו"ס, א. רייזען, י. ראָזענפעלד א. אַ.) ס'איז אים אָבער ניט צו פאַרגלייכן צום לערניינגל, ווייל ער איז באַ אַלע זיינע ליידן לגבי דעם לערניינגל, וואָס גרייט זיך צו מלאכה, אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק בעסערער און גינסטיקערער לאַגע.

יונה ראָזענפעלד שילדערט אונז אין אַ ריי באַוועלן דעם גורל פון לערניינגל („אַ גנב", „איבערגעשראָקן", „אַ ווילדע בריאה" און נאָך און נאָך).

כ'נעם דאָ איינעם פון זיינע געשילדערטע טיפּ'.

דער יינגל מנשה האָט זיין נאָמען „ווילדע בריאה" באַקומען דאַן, ווען ער איז אָנגעקומען אויף „דער לערע" צו אהרן דעם סטאָלער.

ראָזענפעלד דערציילט אונז ניט די פאָרגעשיכטע פון מנשהן, וועגן זיין לעבן, איידער ער איז געוואָרן אַ „ווילדע בריאה", און דאָך קענען מיר זיך עס לייכט פאָרשטעלן, און דאָך קענען מיר אָן קיינע באַזונדערע אָנשטרענגונגען לייכט רעפּראָדוצירן זיין פריערדיקן לעבן.

ס'איז ניט וויכטיק: צו איז ער געקומען פון קעלער־שטוב, וואו ער האָט געהאַט טאַטע־מאַמע (אפשר האָט דאָס טאַקע זיין טאַטע אַמאָל אים אויסגעטראַכט אַ תענית אין מיטן מיטוואָך, ווי באַ פרצן, אָדער זיין מאַמע טאַקע האָט עס אַמאָל געוואָלט זיך אויפהענגען, צוליב איר ביטערן מזל, נאָר האָט געמוזט פון אונטער דעם שלייף אַרויסגיין אים אָנצוזייגן מיט דער קללה אויף די ליפּן:

— נאַ, ממזר, זויג, צי, אַפילו הענגען זיך לאָזט ער מיר ניט! ... אין פרצעס אַן אַנדער נאָוועליע), צי איז ער

געקומען פון תלמוד־תורה אָדער „טאַניאַק“ וואו, אַלס דער „אַלמנהס יינגל“, איז ער שטענדיק געווען דער אָביעקט פון פייניקונגען מצד דעם מלמד און זיינע אייגענע חברים — געקומען צו מנשה דעם שוסטער איז ער שוין אַ פאַרטיקער: אַ שווייגנדיקער, אַ קאָנצענטרירטער, אַ פאַרעלטערטער, „מיט תמיד טרויעריקע אויגן“, געקומען איז ער צו מנשהן אַלס „צאָרנדיק־דערשלאָגענער טיפּ“, ווי ס׳רופט זיך אין ראָסאָלימאָס קלאַסיפיקאַציע.

זיינע חברים באַ דער אַרבעט, די ווייניקער „פאַרטיקע“ און צוגעגרייטע, פלעגן דורך קונצן וועלן אים פריילעכער מאַכן, צווינגען אים אַרויסגיין פון זיין קאָנצענטרירקייט און פאַרצאָרנטקייט: צווישן דידאָזיקע חברים זיינען אפשר געווען די זעלביקע, וואָס האָבן אַמאָל מיט „זיין רוקן אויסגעגלעט דעם גליטש“ אָדער האָבן אויף זיין באָז אויסגעפּרובט דעם קונדסדיקן עקספּערימענט פון ח״י מאָל ח״י שנעלן — נאָר אָן ערפאָלג פלעגן בלייבן אַלע זייערע באַמיאונגען.

די דערשלאָגנקייט האָט זיך שוין צו טיף איינגעוואָרצלט אין מנשהס פסיכיק, די מיזאַנטראָפּישקייט און אפשר אויך דער פאַטאַלאָגישער גלויבן אין „פאַטאַלן מזל“, ווי ביי זיין חבר פון „איבערגעשראָקן“, האָט שוין אַ צו שטאַרקן נעסט אין זיין נשמה געמאַכט.

מנשה איז צו אַלץ גלייכגילטיק, באַוועגלאָז און אַסטעניש. זיין עמאָציאָנעלע און אינטעלעקטועלע אָרגאַניזאַציע אַז אָפּגעשוואַכט און אָפּגעטעמט: קיין זאַך קען אים ניט אַרויספירן פון דעם צושטאַנד פון מעלאַנכאַליע און אַפּהעטיקייט.

איין זאַך איז נאָך פאַרבליבן באַ אים פון אַקטיוון, פון בכוונהדיקן און באַוואוסטזיניקן: דאָס איז דער רעאַגירן אויף פּ י ז י ש ע באַליידיקונגען, דאָס איז זיין אינערלעכער פּראָטעסט און אויפגעבראַכטקייט קעגן ק ל ע פּ.

אָבער אויך דאָס באַקומט באַ אים זיין אַנטפּלעקונג אין אַ אומנאַטירלעכער און היפּערטראָפירטער פאָרם, וואָס קען ניט קוואַליפיצירט ווערן אַלס נאָרמאַלע און פולשטענדיק געזונטע דערשיינונג.

זיין דאָרשט נאָך נ ק מ ה טראָגט באַ מנשהן דעם כאַראַקטער

פון אַ „דאָמינירנדיקער, אַלץ פאַרדעקנדיקער קרענקלעכער שטרע־בונג״, ווי ס׳הייסט באַ פיליפ־באָנקור, טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַן אידעע־פיקס.

זיין צאָרן באַ דעם באַקומען קלעפּ פון אַהרן דעם שוסטער איז דאָך, אייגנטלעך, די זעלביקע צו שטאַרקע אַנטוויקלונג פון איין באַשטימטן אַפעקט באַ דער אַלגעמיינער אָפּגעטעמטקייט פון דער עמאָציאָנעלער אָרגאַניזאַציע, וועגן וועלכע ס׳רעדט, למשל, ד״ר דעקראָלי.

און כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס דווקא בנוגע דידאָזיקע צוויי צופאַרשטאַרקטע אַפעקטן פון כעס און נקמה־דאָרשט, וואָס אַנטפּלעקן זיך באַ מנשהן גראָד באַ דער אַלגעמיינער אָפּגעשוואַכטקייט פון אַלע איבעריקע אַפעקטן, זיינען באַ אים טעטיק סיי דער כאַראַקטער און סיי דער זכרון, דיביידע הויפּט־עמודים, אויף וועלכע ס׳האַלט זיך די נאָרמאַלע פּסיכיק פון מענטשן.

אַזוי איז מנשה פולשטענדיק כאַראַקטערלאָז. ס׳פעלט באַ אים יענע קאָמבינאַטאָרישע און רעגולירנדיקע פעאיקייט, וואָס גיט צו דעם מענטשן אַ פּסיכישע שטייפקייט און צוועקמעסיקייטס־איינהאַלט. ס׳פעלט באַ אים די אויפמערקזאַמקייט, די מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן זיך אויף איין באַשטימטן געגנשטאַנד אָדער אַ ריי געגנשטאַנדן, וואָס זאָלן זיין ביכולת אים צו פאַראינטערעסירן און מאַכן אויף אים אַן איינדרוק.

קומט אָבער צו כעס, צו דעם נקמה־דאָרשט, ווערט ער אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט: ווערט ער אָנגעשטרענגט און פאַרעקשנט, ווייס ער וואָס ער וויל און וואָס ער דאַרף און מוז דערגרייכן.

באַ זיין רעאַגירן אויף די פיזישע באַליידיקונגען קען ער אויפן בעסטן אופן קאָמבינירן, אויסרעכענען, מאַכן די פּינקטלעכסטע פאָראויס באַטראַכטונגען, קען ער שוין צונויפבינדן זיין טאַט מיט אַ אויסגעשפּראָכענער צוועקמעסיקייט.

און זיין זכרון איז דערביי אַזוי אויפגעלעבט און אינטענסיפיצירט, אַז ער וועט ניט איבערלאָזן קיין איין מינדעסטע קלייניקייט פון דעם אַלעמען, וואָס איז צוזאַמענגעבונדן מיט די הויפּט אַפעקטן, מיט זיין דאָמינירנדיקן אידעע־פיקס.

ער לאָזט ניט איבער אומבאַשטראָפט, אומבאַצאָלט קיין איין פאַל פון קלעפּ מצד זיין בעל־הבית. ער לאָזט ניט איבער קיין איין פאַל אָן דעם „געהעריקן" רעוואַנש. און אינטערעסאַנט איז גראָד דאָס, וואָס ער קאָן דערביי זיך פאַרבאַהאַלטן, וואָס ער קאָן אָפּנאַרן דעם בעל־הבית, וואָס ער רעאַגירט אויף די קלעפּ ניט תּיכף נאָך דעם באַקומען די קלעפּ, נאָר שפּעטער, אין אַ צייט אַרום, נאָכדעם, ווי דער ערשטער שאַרפסטער מאָמענט, פון דער באַקומענער באַליידיקונג גייט פאָראיבער. ער צאָלט פאַר קלעפּ מיט שאָדנס. און פירט דערביי אַ וואונדערבאַרע בוכ־האַלטעריע, אַן אייגנאַרטיקן קרעדיט־דעבעט־חשבון: וואָס גרעסער די קלעפּ, אַלץ גרעסער די שאָדנס, וועלכע ער ברענגט באַוואוסט־זיניק, פון פריער קלאָר אויסגערעכנט און באַשטימט. ער קאָן דעם בעל־הבית קיין בעל־חוב ניט פאַרבלייבן: באַקומט ער פון אים געשלאָגן, וועט ער זיך שוין אויף אַלע אופנים קליגן כּדי אָפּצוצאָלן אים פאַר דעם מיט אַ שאָדן, וואָס ער וועט אָנמאַכן אין די געצייג, אין דער ווירטשאַפט א. אַ. וו.

תּיכף, נאָכן באַקומען די קלעפּ, פאַרבלייבט ער למראית־עין פונקט אַזוי אַפּאַטיש און גלייכגילטיק, ווי אַלע מאָל, ער גיט מיט קיין זאַך ניט אַרויס זיין אינערלעכע אויפגערודערטקייט, זיין שוין פאַרטיקן באַשלוס וועגן אָפּצאָל.

אַזאַ אַנטשלאָסנקייט און געדולדיקייט פון אויסוואַרטן, אַזאַ פאַרמאַסקירונג פון ברויזיקן כּעס איז דאָך, אָן ספק, אַ קלאָ־רער באַווייז פון אַ פעסטן, פאַרהאַרטעוועטן כּוח־הרצון.

פון וואַנען זשע נעמט זיך אַזאַ כּוח־הרצון צו דעם גלייכ־גילטיקן, אַפּאַטיש־כאַראַקטערלאָזן מנשה? צו איז דידאָזיקע אַנט־פּלעקונג פון צוועקמעסיקייטס־אָנערקענונג ניט אַ פּועל־יוצא פון אַ אָנגעשטרענגטער אינערלעכער אַרבעט, וואָס שעפּט איר יניקה פון נאַטירלעכן געפיל פון זעלבסטפאַרטיידיקונג? —

מנשה שטעלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן רעוואַנש, וועגן אָפּצאָלן דעם בעל־הבית פאַר זיינע קלעפּ: ער ברעכט געפעס, ער גיסט אויס דעם עמער אין מיטן שטוב, ער פירט איבער די אַרבעטס־מאַטעריאַלן, און דאָס אַלץ

ווערט געטאָן מיט אַזאַ פּינקטלעך־מאַטעמאַטישער אויסרעכענונג, מיט אַזאַ ממש־פענאָמענאַלן ערנסט און רואיקייט, וואָס קענען נאָר פאַרוואונדערן.

און ס'איז קלאָר:

די סימנים פון מנשהס דעפעקטיוויטעט זיינען ניט נאָר זיין שטענדיקע אַפּאַטישקייט, נאָר, אין דערזועלביקער מאָס, אויך זיין אויפגעלעבטקייט אין מאָמענט פון רעוואַנש, ס'איז פעלערהאַפט ניט נאָר זיי שטענדיקע כאַראַקטערלאָזיקייט, נאָר אויך זיין פאַרשטאַרקטער, איבערגעטריבן־שטאַרקער כאַראַקטער אין מאָמענט פון נקמה, סיי זיין שווייגן און הכנעה בעת די קלעפּ, סיי זיין עקשנותדיקע נקמה נאָך די קלעפּ, סיי דער פעלן פון וואָס ס'איז ניט פאַר אַפעקטן בכלל, סיי צו די פאַרשטאַרקטע אַפעקטן פון כעס און פאַרביטערטקייט אין באַשטימטע מאָמענטן— דאָס אַלץ גיבן אים אין אַ גלייכער מאָס דאָס רעכט אויפן נאָמען „ווילדע בריאה“!

און אויסער אַלע איבעריקע נעגאַטיווע זייטן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך די אויבנכאַראַקטעריזירטע דעפעקטיוויטעטן פון דער „ווילדער בריאה“, דאַרף באַזונדערס פאַרצייכנט ווערן דאָס, וואָס ער, די „ווילדע בריאה“, ווערט אומפעאיק אויסצולערנען זיך גרונטלעך די מלאכה, וואָס ער קאָן זיך, אַ דאַנק זיין דאָמינירנדיקן אידעע־פיקס, ניט אָפּגעבן ווי ס'דאַרף צו זיין מיט דער פאַרפאַלקאָמונג אין דער באַשטימטער פּראָפעסיע.

און כאָטש י. ראָזענפעלד פירט אונז ניט אַריין אין דעם ווייטערדיקן לעבן פון מנשהן, אַלס דערוואַקסענעם און זעלבסשטענדיקן בעל־מלאכה, קענען מיר עס אַליין דערגאַנצן אָן אַ גרעסערן טעות.

ווען מנשה וועט ווערן אַ בעל־הבית פאַר זיך, וועט ער אפשר, קודם־כל, זיין דער פּראָטאָטיפּ פון זיין געוועזענעם בעל־הבית, אהרן דעם שוסטער: ער וועט אויך אויסגיסן זיין צאָרן צוליב דעם אָרימען לעבן אויף די פּלייצעס פון די לערן ייִנגלעך, די פאַרשיידענע נייע „ווילדע בריאות“, וועלכע וועלן אַריינקומען אין זיין רשות.

ווייל די פסיכאָלאָגישע סיבה פון דער אכזריות מצד די אָרימע בעלי־מלאכות צו זייערע לערנייינגלעך איז דאָך, אייגנטלעך, די זעלביקע, מיט וועלכע ס׳דערקלערט זיך די אכזריות מצד די אָרימע קינדער צו זייערע נאָך אָרימערע און נאָך שוואַכערע מיט־חברים, דער נאָמען פון דערדאָזיקער איבערגעחזרטער סיבה איז, ווי ס׳איז אויבן אָנגעוויזן, דער אינערלעכער דראַנג צו רעוואַנש.

און נאָך איין זאַך איז אונז קלאָר: מנשה וועט קיינמאָל ניט ווערן קיין ספּעציאַליסט פון זיין פאַך, ער וועט ניט האָבן דעם נייטיקן געדולד צו פאַרטיפן זיך אין זיין אַרבעט און צו פאַרפאָלקאָמען זיך איר איר. ער וועט זיכער פאַרבלייבן יענער „לאַ־טוטניק״, וואָס א. רייזען שילדערט אונז אין אַ נאָוועלע וואָט וועט מוזן ציען סיי זיין פּרנסה און סיי זיין מענטשלעכע ווערדע פון דער בלאָטע.

מנשהס צוקונפט איז די צוקונפט פון בלאָטיקן האַרבסט, און דירעקטן אין סימוואָלישן זין: זיין ספּעציאַליטעט וועט באַ־קומען די געהעריקע פאַרווענדונג נאָר אין דער „גליקלעכער״ צייט פון די בלאָטעס, ווען ס׳רייסן זיך שיך און ווען מנייטיקט זיך אין לאַטעס. נאָר אין האַרבסט וועט מען מוזן צו אים אָנ־קומען — נאָר דאַן וועט מען מוזן פילן זיין באַדייטונג און ראָל.

צווישן י. ראָזענפעלדס און רייזענס „ווילדע בריאה״ איז אָלנפאַלס פאַראַן אַ שטאַרקע משפּחה־פאַרבינדונג, אַ שטאַרקע קעגנזייטיקע שייכות.

ראָזענפעלדס מנשה איז דער ערב „אברהם דער שוסטער״ פון רייזענס נאָוועלע (פון זעלביקן נאָמען) און פאַרקערט, רייזענס אברהם דער שוסטער איז דער „מי שהיה״ מנשה.

דער אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגישער שטריך, וואָס פאַרבינדט אָט די אַלע האַלב אדער אינגאַנצן דעפעקטיוויזירטע מענטשן, איז זייער אומפעאיקייט צו פאַרפולקומען זיך אין אַ באַשטימטער אַרבעט, אָפּט די עצם שנאה צו אַרבעט בכלל, ווי צו אַ פּראָדוק־טיווער באַשעפטיקונג, די נטיה צום וואַנדערן און בייטן די באַ־שעפטיקונגען (ווי אין „איבערגעשראָקן״ למשל), וואָס ווערט פאַר־

רעכנט, אַלס איינער פון די סימנים אין די פאַרשיידענע קלאַ־סיפיקאַציעס פון דעפעקטיוויטעט.

דיזעלביקע שנאה צו פּראָדוקטיווער און קאָנצענטרירטער אַרבעט, וואָס מיר זעען בּאַ ראָזענפעלדס מנשהן אין אַ קלענערע מאָס, טרעפן מיר שוין אין אַ מער אויסגעשפּראָכענער פאָרם בּאַ א. רייזענס כאַצקלען (דער הונט").

און כאָטש בּאַ רייזענען איז, ווי ס'איז שוין אויבן אָנגע־וויזן געוואָרן, דער טראַגיזים פון זיינע דערעקטיווע טיפּן ניט אַזוי שרייענדיק און בולט, ווי בּאַ ראָזענפעלדן, איז ער אָבער בּכוח צו ווירקן אויף אונז גראָד מיט זיין אָביעקטיוו־עפּישער בּאַשריי־בונגס־פאָרם.

די פאָרגעשיכטע פון כאַצקלען איז די געוויינלעכע פאָר־געשיכטע פון אַלע איבעריקע זיינע חברים: זיין מאַמע איז גע־שטאָרבן אין קינפעט תיכף נאָכדעם, ווי זי האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט, זיין טאַטע איז געשטאָרבן שפּעטער.

כאַצקל בּלייבּט פון זיין פּריסטן עלטער אָן, ווען ער נייטיקט זיך אַמשטאַרקסטן אין אַ צערטלעכער און וואַרימער בּאַציאונג, עלנד און איינזאַם.

ער מאַכט שפּעטער זיכער דורך — כאָטש רייזען דערציילט אונז וועגן דעם ניט אין זיין נאָוועלע — די געוויינלעכע סטאַדיען פון דער „דערציאונג": אפשר פאַרברענגט ער זיינע ערשטע יאָרן בּאַ אַ פרעמדער „פעדער פליקערן" (ווי זיין חברטע, פרצעס „ווילדע בּריאה"), און אפשר פאַרזוכט ער די אַלע געשמאַקן פון דער תלמוד־תורה (ווי זיין חבר, רייזענס „דער אלמנהס ייִנגל").

דער עיקר איז אָבער דאָס, אַז אָנקומענדיק צו „אַ שכן אַ שוסטער, וואָס וויל אים מאַכן פאַר אַ מענטש", פאַרמאָגט ער שוין די נייטיקע צייגניש פון דעפעקטיוויטעט־רייפקייט, טראָגט ער שוין אין זיך די אַלע אַנאָמאַליען, וואָס מאַכן אים שפּעטער פאַר „דעם הונט".

זיין פסיכיק איז קודם כּל, שוין פאַרסמט מיט דער שנאה צו קאָנצענטרירטער אַרבעט, ער איז שוין ניט פעאיק צו דיסצי־פּלין, צו געהאָרכזאַמקייט און נייטיקער אויפמערקזאַמקייט.

ער איז שוין אויף אַזוי פיל אונטערגעוואָרפן דער מאַכט פון בלויזע אימפולסן, אַז ער איז ניט בכוח צו באַהערשן און אָפּצוהאַלטן זיינע אומנוציקע און אומזיניקע טאַטן.

ס'איז באַ אים שוין אין אַ גרויסער מאָס אַנטוויקלט די נטיה צו אַנאַרכיע, צו געזעצלאָזע און גרעניצלאָזע פרייהייט, וואָס ווייס ניט פון קיינע רעגוליאַטאָרן און קאָאָרדינירונגען.

ער קען זיך ניט אונטערגעבן דעם שוסטערס באַפעלן, ער קען זיך ניט לאַנג האַלטן אויף אַ באַשטימטער באַשעפטיקונג: אין אים איז שוין רייף דער ליידיק-גייער, דער לופט-שלינגער, דער פּראָפעסיאָנעלער בעטלער.

און באַ אים איז דידאַקטיקע נטיה צו דער ליידיקגייעריי שוין אַנטוויקלט אין אַ אומפאַרגלייכלעך-גרעסערער מאָס, ווי באַ זיינע חברים פון ראָזענפעלדס „איבערגעשראָקן" אָדער „ווילדע בריאה": ער וועט שוין ניט דורכמאַכן אַ ריי איבערוואַנדערונגען פון איין בעל-מלאכה צום צווייטן. צו וואָס? ס'איז דאָך שולדיק ניט די באַשטימטע מלאכה, וועלכע דאַרף און קען פאַרביטן ווערן אויף אַן אַנדערער, נאָר די מלאכה בכלל, די מלאכה אַלס אַזעלכע, אַלס באַשעפטיקונג.

און ער פאַרלאָזט טאַקע אינגיכן דעם שוסטערס הויז און „לאָזט זיך צופוס קיין קלעצק". ער האָט פריער ניט באַטראַכט אַפילו דעמדאָזיקן טאַט, דער געדאַנק וועגן אַוועקגיין פון שוסטער, ווי אויך דער געדאַנק וועגן קלעצק, אַלס נייער וואוין-פּלאַץ (ריכטיקער: בעטלער-פּלאַץ), זיינען באַ אים אַנטשטאַנען אַזוי פּלוצלונג און אומדערוואַרטעט, ווי אַ סך אַנדערע געדאַנקען פון זיין דיסציפּלינלאָזן, אָפּגעשוואַכטן מוח.

פאַר אים עקזיסטירט ניט די פראַגע: „וואוהין", פונקט אַזוי ווי ס'עקזיסטירט פאַר אים ניט די פראַגע פון „וואָס צו טאָן". ער וועט זיך לאָזן וואוהין איר ווילט און וועט אייך טאָן, וואָס ס'וועט נאָר איינפאַלן אין קאָפּ, ס'זאָל נאָר ניט זיין די בייטיקייט פון צוגעבונדנקייט צו אַ באַשטימטער סביבה און און צו אַ באַשטימטער אַרבעט.

ער קען ניט דולדן קיין אַרבעט און קען אויך ניט ליידן קיין קלעפּ, וואָס קומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרבעט.

אין דעם זין איז ער אינגאַנצן ענלעך יי זיין חבר מנשה פון ראָזענפעלדס „ווילדע בריאה“.

ס׳איז דערביי אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז פון די קלעפּ, וואָס ער באַקומט פון שוסטער, פילט ער לחלוטין ניט קיין ווייטיק.

אגב, דערדאָזיקער פאַקט פון אָפּגעשוואַכטער חושים־אויפנאַמספּעאיקייט, פון גלייכגילטיקייט צו ריין־פיזישע רעגונגען, ווי ווייטיק (פונקט, ווי ביי פרצעס „ווילדער בריאה“, למשל) איז אַן איבעריקער באַווייז צו זיין פסיכיש־פיזיאָלאָגישער דעפעקטיווטעט.

כאַצקלען אַרן אָבער כלל ניט די קלעפּ פון שוסטער אַן און פיר זיך: אים אַרט גיכער די אָנערקענונג פון זיין שוצלאָזיקייט, פון זיין גיט קענען זיך אַנטקעגן שטעלן. גאָכמער: אים עקלט פון שוסטערס קלעפּ, די סיבה פון דעמדאָזיקן עקל איז אַן אייגנאַרטיקע: פון איין זייט קען כאַצקל דעם שוסטער „מיט איין פינגער אַוועקלייגן“ (כאַצקל איז, ווי אַ סך דעפעקטיווע קינדער, געזונט און שטאַרק, ניט לויט זיין יאָרן) און אין דערזעלביקער צייט „וועט ער דאָך אויף אַן עלטערן ניט אויפהייבן קיין האַנט“. שפּעטער וועט ער זיך, אמת, ניט אָפּשטעלן אפילו פאַר„ אויפהייבן אַ האַנט אויף אַן עלטערן“, איצט אָבער, ווען דער פּראָצעס פון דעפעקטיוויזירונג איז נאָך ניט פאַרענדיקט, איז ער אויף דעם ניט פעאיק.

און פאַר כאַצקלען איז ערגער פאַר אַלץ די אָנערקענונג, אַז ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען לגבי אים „פּריוועלעגירט“, וועלכע זיינען פאַר אים „אומבאַריבאַר“...

אָט ווי אַזוי כאַצקל רופט זיך אַליין אָפּ וועגן דעם שוסטערס קלעפּ:

„מילא אַז חברה שלאָגט מיך אַמאָל אין שטעטל, אַרט מיר ניט. איך גיב אַ קלאַפּ, זיי גיבן אַ קלאַפּ — מען איז קוויט. דעם שוסטער צוריק שלאָגן האָב איך ניט געקענט: ער איז געווען דאַר ווי אַ כאָרט, מיט „גאָטס פינגערל“ וואָלט איך אים אַיינגעלייגט. אז ער פלעגט מיר אַמאָל געבן אַ פּאַטש מיט זיינע דאַרע הענט־

לעך, פלעגט זיך מיר ווען ברעכן... ווי האָט מיר גאָר ניט געטאָן...״

ווען ער קומט צוגיין צופוס קיין קלעצק „אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, מיט צושויבערטע האָר אונטערן היטל און מיט אַ צעדראַפּעטן פּנים״, באַאומרואיקט ער זיך כּלל ניט וועגן זיין ווייטערדיקן גורל.

און דאָס נעמט זיך ניט פון דענקן, פון לאָגישן אָפּטימיזם: ס׳נעמט זיך, פאַרקערט, בלויז פון דעם, וואָס ער איז ניט פעאיק צו איבערוואויגן זיינע אייגענע טאַטן, וואָס ער איז ניט פעאיק אויף וואָס ס׳איז ניט פאַר אַ דין־וחשבון.

און אים געלינגט טאַקע צו שאַפן פאַר זיך גלייך זיין „געזעלשאַפטלעכן״ פּלאַץ צווישן דער „ווייסער חברה״.

ביי דער „חברה קונדסים״ פאַרדינט ער אָנערקענונג אַ דאַנק זיין געזונטקייט. און אומגעווייןלעך — פעסטן קערפּער־בוי.

נאָכדעם ווי די „חברה קונדסים״ האָט אויף איר שטייגער גענומען אָפּשפּעטן פון געקומענעם כאַצקלען און ער האָט זיי איבערראַשט מיט זיין געזונטקייט, פאַר וואָס אין דער „ווייסער חברה איז שטענדיק פאַראַן אַ גרויסע פּיעטעט און „יראת הכּבוד״, האָבן די חברים תּיכּף געביטן זייער באַציאונג צו אים.

„געצל קרופּעניצעס האָט זיך אָפּגערופן מיט כּבוד:

— דו ביסט געזונט!

— אַיון! — האָט „פּייוול קעליע״ אונטערגעהאַלטן.

און כאַצקל האָט זיך פון דעם מאָמענט אָן שוין איינגעבירגערט אויף זיין נייעם בעטלער־פּלאַץ.

פון וואָס האָט ער געלעבט? — פון וואָס איר ווילט, נאָר ניט פון אַרבעט.

פון אַרבעט איז ער דאָך אַנטלאָפן, ניט כּדי צו נעמען זיך פאַר אַרבעט.

ווען זיין חבר „געצל דעם קרופּעניצעס״ האָט אים אַמאָל געבראַכט צו זיין מאַמען, וואו ער האָט געדאַרפט דורך אַרבעט (דרייען דעם שטוב־מיל) פאַרדינען אַ צענערל אויף ברויט, האָט

ער מיט עקל געוואָרפן די אַרבעט תיכף נאָכן צוטרעטן צו איר, ניט קוקנדיק אויף זיין שטאַרקן הונגער.

אַרבעטן איז כאַצקל ניט פעאיק.

כדי צו שטילן זיין הונגער (אַן אַפעטיט האָט כאַצקל אַ גוואַליק=שטאַרקן, וואָס דערגרייכט צו אַ מדרגה פון פרעסעריי, פונקט ווי באַ זיין חבר שלום=עליכמס געצל. פרעסעריי, בכלל ווערט אין די אַנטשפּרעכנדיקע קלאַסיפיקאַציעס גערעכנט, אַלס סימן פון דעפעקטיוויטעטן), שטעלט ער זיך ניט אָפּ פאַר קיינע מיטלען, מיט גנבה איינשליסלעך.

גנבהנען איז ביי כאַצקלען בכלל איינע פון די נאַטירלעכסטע און כשרסטע זאַכן: פאַר זיין אַוועקגיין פון זיין בעל=הבית דעם שוסטער, האָט ער צוגעגנבעט אַ פּאָר שטיוול, ער ראַט זיין חבר, געצל דעם קרופּעניצעס, באַגנבענען זיין רייכן קרוב א. אַז. וו.

און דאָס איז שוין אַ באַזונדערס בולטער באַווייז פון זיין מאָראַלישער דעפעקטיוויטעט.

פסיכאָלאָגיש גענומען איז עס פאַרשטענדלעך.

צווישן פסיכיש=אינטעלעקטועלער און מאָראַלער דעפעקטיוויטעט עקזיסטירט דאָך בכלל אַ שטענדיקע קעגנזייטיקע שייכות. ס'איז דאָך שוין לאַנג דערוויזן, אַז אַלע מאָראַל=דעפעקטיווע (פאַרשיידענע קרימינעלע פאַרברעכער, ווי גנבים, בעטלער, אונטערצינדער, סוטענערן א. אַ.) זיינען גלייכצייטיק אומנאָרמאַל אָדער סובנאָרמאַל אויך אין פסיכיש=אינטעלעקטועלן זין.

און די סיבה דערפון איז דאָס, וואָס די צערשטערונגען פון דער פסיכיש=אינטעלעקטועלער טעטיקייט פאַרקלענערן די פעאיקייט פון קעגנשטעלן זיך דעם אוממאָראַלן.

פון אָנפאַנג לעבט דאָס קינד ריין=אינסטענקטיוו און רעאַגירט אויף די אויסערלעכע איינדרוקן פריי, ריין אימפולסיוו.

און נאָר בהדרגהדיק גייט דאָס קינד אַרויס פון צושטאַנד פון היהשע אינסטינקטן, ווען באַ אים אַנטוויקלט זיך די פעאיקייט צו פאַרשטיין די אַרומיקע וועלט, ווען ביי אים הויבט אָן זיין טעטיק דער שכל און כאַראַקטער, וואָס לערנען אים די תורה פון צופּאַסן זיך צו די אומפאַרמיידלעכע באַגרעניצונגס=געזעצן פון קאָלעקטיוון לעבן.

באַ אומנאָרמאַלע קינדער גייט די דאָזיקע עוואָלוציע פון מאָראַלישער אַנטוויקלונג פאָראיבער גאַנץ אַנדערש: אויב די אינטעלעקטועלע פעאיקייטן זיינען ניט גענינגנדיק, אויב זייער טעטיקייט איז ניט פאָלקאָם, קען שוין ממילא אויך די מאָראַליש־קייט ניט באַקומען איר פאָלקאָמע אַנטוויקונג.

און כאַצקל, וואָס איז אין זיין פסיכיש־אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג נאָך ניט ווייט אַרויס פון דער ערשטער סטאַדיע פון חיהשע אינסטינקטן און אימפולסיווער אוממיטלבאַרקייט, וואָס איז אין פסיכיש־אינטעלעקטועלן זין, אָן ספק, אומנאָרמאַל, האָט שוין ממילא געמוזט זיין אומנאָרמאַל אויך אין מ אָ ר אַ ל ן זין.

כאַראַקטעריסטיש איז די אויסגעשפּראָכענע מיזאַנטראָפּיש־קייט, וואָס מיר טרעפן דאָ באַ כאַצקלען. ער איז דערביי ניט קיין סתם־מיזאַנטראָפּ, נאָר אַפילו „אַ פילאָסאָף“.

— בעסער זיין אַ הונט—זאָגט ער מיט ביטול זיינע חברים, ווי צו אַרבעטן!—

— אַלץ איינס — פילאָזאָפירט ער אין דער זעלביקער געזעלשאַפט פון זיינע חברים — אַ מענטש, אַ הונט. איך האָב הינט מער האָלט, ווי מענטשן... פע, מענטשן!...

צו איז די דאָזיקע שנאה צו מענטשן אַזעלבסטענדיקע פסיכישע דערשיינונג. אָדער זי קומט אַלס באַרעכטיקונג פאַר זיין ממש־פּאַטאַלאָגישער נייגונג צו הינטישקייט (אין דירעקטן זין: ער צייכנט זיך אויס מיט זיין פעאיקייט נאָכצומאַכן דעם בילן פון אַ הונט, פאַר וואָס ער באַקומט פון די חברים טאַקע דעם נאָמען „הונט“)—איז שווער צו זאָגן.

ס'איז מעגלעך, אַז פריער איז דאָס בילן באַ כאַצקלען געווען בלויז אַ צייט־פאַרטרייב, און אפשר אַפילו אַ פּראָטעסט־מיטל קעגן זיינע אונטערדריקער און דרעסירער, אַ אויסדרוק־מיטל פון דער איגערלעכער נייגונג צו פרייהייט, צו אַנאַרכיע.

שפעטער איז אָבער, אַלנפאַלס, דאָסדאָזיקע בילן באַ אים געוואָרן שוין אַ קרענקלעכע, דעפעקטיווע דערשיינונג, אַ דער־שיינונג פון אַזאַ מדרגה, וואָס ווערט באַ פיליפ־באָנקורן, למשל, קוואַליפיצירט, לויט איר אויטאָמאַטיזם און אָן סופיקער איבער־

חזרונג פון איין און דעמזעלביקן אַקט, אַלס סימן פון אויסגע־שפּראָכענער פּסיכיש־אינטעלעקטועלער אַנאָמאַליע.

שפּעטער נעמט דאָס בילן בײַ כאַצקלען אָן דעם כאַראַקטער פון אַן אידעע־פיקס, פון וועלכן ס'איז זיך שווער צו באַפרייען.

דאָס בילן ווערט ביי אים פשוט אַ פיזיאָלאָגישע נויטווענדיקייט.

„...אויפן פעלד פלעגט ער זיך פילן בעסער ווי אומעטום" דאָרטן פלעגט ער מאַכן הינטישע רעפּיטיציעס: ער פלעגט גיין אויף די הענט און בילן, בילן... „אים האָט זיך געדוכט אַז ער איז אַן אמתער פרייער הונט און די גאַנצע וועלט איז זיינע..."

דאָ זעען מיר שוין די העכסטע מדרגה פון אידעע־פיקס, וואָס ברענגט צו פאַרגעסונג, צו אַ קרענקלעכע מאַניע...

און אַמבולטסטן זעען מיר דידאָזיקע מאַניע אין עפּילאָג פון דער נאָוועלע, ווען „געצל דער קרופּעניצעס" האָט אַמאָל, וועלנ־דיק אָנשרעקן כאַצקל'ען, אים אויסגעטראַכט אַ מעשה וועגן דעם פאָרשטייענדיקן פאַרסמען פון היימלעזע הינט.

כאַצקל פילט, אַז די מעשה איז נאָר אַ „שלעכטער וויץ", אין זיין פאַרנעפּלטן באַוואוסטזיין גליט נאָך אַ פונק פון קלאָרן פאַרשטאַנד און ער אַנערקענט, אַז ער דאַרף פאַר דעם „סמען די הינט" ניט מורא האָבן. ער, כאַצקל, איז דאָך אַ מענטש און ניט קיין הונט.

און דאָך קען ער אַ גאַנצע נאַכט ניט אײַנשלאָפן, ער קען זיך בשום אופן ניט באַהערשן און אינדערפרי אַנטלויפט ער אין מאַרק מיט אַ געבילעריי, כדי אויסצוזוכן דעם הינט־פאַר־סמער...

דאָס הינטישע (אין דירעקטן און סימוואָלישן זין) האָט זיך אין כאַצקלען שוין צופיל אײַנגעגעסן אַזוי, אַז ס'איז שוין אומ־מעגלעך זיך פון אים צו באַפרייען...

כאַצקלס נאָענטסטער חבר, לויט דער שוין אויסגעפאָרמיר־טער, פאַרענדיקטער דעפעקטיוויטעט, איז שלום־עליכמס „געצל".

געצל פאַרמאָגט אַ ריי פיזישע און פיזיאָלאָגישע סימנים פון אויסגעשפּראָכענער דעפעקטיוויטעט: זיין אויסערלעכער אויסזען

(„אַ לעפּעשעוואַטער בחורל, מיט מגושם־גרויסע הענט און מיט מגושם־גראָבע ליפּן, אַ קול האָט ער ווי פון אַ פּאַס, אַ קאָפּ איז אויף אים אַ גרויסער, ווי אַ באַק־דייזשע“), זיין פרעסערישקייט („געצל האַלט שטאַרק פון דער אכילה, האָט אַ קישקע אָן אַ דנאָ“), וואָס ווערט אין אַלע קלאַסיפיקאַציעס פון אַנאָמאַליען פאַררעכנט אַלס בולטער באַווייז פון דעפּעקטיוויטעט — דאָס אַלץ זיינען גענוגנדיקע אילוסטראַציעס צו געצלס כאַראַקטעריסטיק.

און דידאָזיקע פיזיש־פיזיאָלאָגישע סימנים געפינען זייער ווייטערדיקן אויסדרוק אין אַ ריי פּסיכישע אַנאָמאַליען.

מיר זעען באַ אים, למשל, אַ באַשטעטיקונג צו דער באַהויפּטונג פון דער פּסיכאָ־פּאַטאַלאָגיע, לויט וועלכער די ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פון די עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען בכלל, דאָס פעלן פון העכערע עטישע און עסטעטישע געפילן קענען גיין אָפּט האַנט ביי האַנט מיט דער איבערטריבענער אַנטוויקלונג פון איינציקע אַפעקטן.

צו אַזעלכע אַפעקטן געהערט באַ געצלען דער כעס.

„געצלען איז שווער אַריינצוברענגען אין כעס“, ווייל ער איז שטענדיק אַפּאַטיש־גלייכגילטיק, ווייל ער פאַרדינט שטענדיק די נעמען פון זיין רבין: „גראָבער נפש“ „אָקסנפעל“, צוליב דעם פעלן פון עמפּינדלעכקייט באַ אים.

ווערט אָבער געצל ווען עס איז אין כעס, איז ער מסובן. „פאַ־ כעס הויבט ער אָן טאַנצן און בייסן זיך אַליין מיט די געזונטע ווייסע ציין אין די הענט אַריין“.

געצלס כעס האָט, אייגנטלעך, דעמזעלביקן פּסיכאָלאָגישן באָדן, ווי כאַצקלס בילן.

און מיט נאָך אַ זאַך איז געצל גלייך צו כאַצקלען, דאָס איז דער קרענקלעכער אידעע־פיקס, וואָס דערגייט ביז פאַרגעסונג, ביז אַוטאָמאַטיזם.

כאַצקל בילט אויף זיך אַליין און געצל שפּילט מיט זיך אַליין אין ניס, געצלס פאַרגעסונג דערגרייכט אַפילו צו אַ גרעסערע מדרגה, ווי ביי כאַצקלען: זיין רעכטע האַנט שפּילט מיט זיין לינקער האַנט, איין האַנט נאַרט אָפּ די צווייטע, די אָפּנאַרערישע

האַנט ווערט באַשטראָפט פון דער אָפּגעגאַרטער האַנט, געצל קערט זיך אום אַהיים פון זיין „שפּיל אין ניס“ אַ צעבלוטיקטער, אַ צעהרגעטער.

ע ר האָט ז י ך אַ ל י י ן צעבלוטיקט און צעהרגעט, און האָט בשעת מעשה ניט געפילט אַפילו אויף איין מאָמענט די פאַלשקייט פון דער לאַגע, ס'האָט ביי אים אין די אויגן אַפילו אויף אַ מינוט ניט דורכגעבליצט, ווי ס'וואָלט געזאָגט פרץ, „דער שׂכלדיקער פונק“.

דאָס איז שוין זיכער אַ פולשטענדיקער וואַנזין, די „זעלבסט-פּייניקונג“ פון אומגאָרמאַלן און אפשר האָפּענונגסלאָזן מענטשן.

---

די יידישע ליטעראַטור איז רייך מיט האַלב און גאַנץ דעפעקטיווע קינדער-טיפּן, וואָס רירן אונז טיף מיט זייער טראַגיזם:

פאַרשיידנאַרטיק זיינען די מדרגות און די סיבות פון דער דעפעקטיוויטעט.

ס'איז אָבער גלייכצייטיק צווישן דידאָזיקע אַלע קינדער-טיפּן פאַראַן א י י ן באַשטימטע פאַרבינדונג, דער נאָמען פון וועלכער ס'איז „די השפּעה פון דער סביבה“.

אויף אייניקע ווירקט די סביבה נאָר אין זין פון פ אַ ר ש ט אַ ר ק ן די דעפעקטיוויטעט, בא אַנדערע רופט די סביבה אַרויס די דעפעקטיוויטעט גופא.

די סביבה האָט אָבער אומעטום, אין אַלע פאַלן, איר טרויעריקע ראָל פון אַ דעפעקטיוויזירנדיקן פאַקטאָר.

און ס'איז אַ גוואַלדיק לאַנגע קייט, ביי איין זייט שטייען די שימעקס און בוזיס, די ראובן בנימינס און גאָלדעלעך, בא דער אַנדער זייט שטייען די שוין פאַרלאָרענע און האָפּענונגסלאָזע כאַצקלס, מנשהס און געצלעך.

און דאַרף די געזעלשאַפט זיך שטעלן פאַר אַ צוועק צו צורייסן דידאָזיקע שרעקלעכע קייט, מוז זי איר קאַמף אָנווענדן קעגן דער ה ו י פּ ט-ס י ב ה, וואָס האָט אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, פאַראורזאַכט און פאַרמעגלעכערט דידאָזיקע קייט, קעגן דעם אומרעכט פון לעבן, קעגן דער דעפעקטיוויזירנדיקער סביבה!